# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

יום כיפור

מכון באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטלעך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
2026 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## האזינו - עשי"ת


צדיק וישר הוא - אָננעמען מיט ליבשאַפט די הנהגה פון באַשעפער.......................ה

שבת בו תשוב - שבת שובה..........................................ט

בהיותו קרוב - מיר האָבן אַ וועג ווי אַזוי 'אונטערצוקויפן' דעם באשעפער........ י

מה לך נרדם - עשי"ת איז נישט די צייט צו שלאָפן...........................יג

מודה ועוזב - אַלע מקטרוגים פאַלן אַוועק ווען מען איז זיך מודה ומתוודה.............טו

יעזוב רשע דרכו - תשובה מיינט בעיקר, אַ קבלה אויפ'ן עתיד ....................יט


## יום הכיפורים


עד שירצה את חבירו - זיך איבערבעטן און זיך היטן פון כעס און מחלוקת.................כד

כל האוכל ושותה בשביעי - די מצוה צו עסן ערב יום כיפור ..........................כז

אשריכם ישראל - דער בוכ"ע אַליין פרייט זיך אז ער איז מוחל די עבירות...............ל

כי גדול יום ה' - אפילו דער גוף ווערט אין דעם טאָג געהייליגט..........................לב

כל נדרי - תשובה קען מען בטל מאַכן אַפילו אַ גזירה וואָס האָט מיט זיך אַ שבועה .........לד

תענו את נפשותיכם - די סגולות פונעם תענית..................................לו

בעת נעילת שער - די געהויבענע און הייליגע מינוטן פון 'נעילה'.......................לו



סדר ועימוד: א.י.ש. אשדוד

**... וְזֶהוּ עֲבוֹדָתֵנוּ תָּמִיד** און דאס איז שטענדיג אונזער עבודה, **... שֶׁשְּׁתֵּי הָעֲבוֹדוֹת יִהְיוּ כְּאֶחָד** אז די צוויי פארשידענע עבודות זאלן זיין ביים מענטש ווי איינס, **הַיְינוּ שֶׁכַּאֲשֶׁר יַעֲסוֹק בַּאֲכִילָה** דאס מיינט אז ווען ער איז באשעפטיגט מיט עסן און טרינקען, **יִהְיֶה מַחְשַׁבְתּוֹ תָּמִיד כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כֹּחַ לִלְמוֹד וּלְהִתְפַּלֵּל וְלַעֲבוֹד אֶת ה'** זאל זיין מחשבה שטענדיג זיין אז ער טוט דאס כדי ער זאל האבן כח צו לערנען און דאווענען און דינען דעם באשעפער, **וְכֵן בִּשְׁעַת הַתּוֹרָה וּתְפִלָּה מִמֵּילָא הוּא לוֹמֵד וּמִתְפַּלֵּל בְּכֹחַ הָאֲכִילָה הַהוּא** און אזוי איז עס טאקע אז ווען ער לערנט און ער דאוונט דעמאלסט לערנט ער און ער דאוונט מיט די כח פון דאס עסן. **... שֶׁהֵמָּה מִתְחַבְּרִים זֶה עִם זֶה כַּנַּ"ל** זיי פאראייניגן זיך איינס מיטן צווייטן און האבן די זעלבע ציהל ווי אויבן דערמאנט, **וְאֵין אֶחָד דּוֹחֶה אֶת חֲבֵירוֹ** און איין עבודה שטופט נישט אוועק די צווייטע עבודה, **הַיְינוּ שֶׁאֵין לִבּוֹ מְטוּמְטָם בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה בַּעֲבוּר הָאֲכִילָה וְהַשְּׁתִיָּה** ד"מ אז זיין הארץ איז נישט פארשטאפט ביים דאווענען וועגן וואס ער האט געגעסן און געטרינקען, **כִּי גַּם בִּשְׁעַת הָאֲכִילָה לֹא אָכַל לְמַלְּאוֹת תַּאֲוָתוֹ** ווייל אפילו ביים עסן האט ער נישט געגעסן צו אנפילן זיין תאווה, **כִּי דַּעְתּוֹ הוּא לַעֲמוֹד לִפְנֵי ה' לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד בְּכֹחַ הָאֲכִילָה הַהוּא** ווייל זיין כוונה מיט זיין עסן איז צו שטיין און דאווענען פארן באשעפער מיט די כח פון זיין עסן.

**... וְזֶהוּ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל** (יומא פא:) **כָּל הָאוֹכֵל בְּתְשִׁיעִי מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ הִתְעַנָּה תְּשִׁיעִי וַעֲשִׂירִי** און דאס איז פשט וואס חז"ל האבן געדרש'נט 'ווער עס עסט אין די ניינטע טאג ווערט עס פארעכנט אזוי ווי ער וואלט געפאסט די ניינטע און צענטע טאג', **פֵּירֵשׁ רַשִׁ"י שֶׁיֹּאכַל בִּתְשִׁיעִי כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כֹּחַ לְהִתְעַנּוֹת בָּעֲשִׂירִי** רש"י איז מסביר אז ער עסט אין די ניינטע טאג כדי ער זאל האבן כח צו פאסטן אין די צענטע טאג. **פֵּירוּשׁ כַּאֲשֶׁר הוּא זוֹכֵר בִּשְׁעַת אֲכִילָתוֹ אֵיךְ שֶׁהוּא צָרִיךְ לַעֲמוֹד וּלְהִתְפַּלֵּל לִפְנֵי ה' בְּיוֹם הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא** רש"י מיינט צו זאגן אז ווען דער מענטש געדענקט בשעת'ן עסן ווי אזוי ער דארף מארגן שטיין און דאווענען פארן באשעפער אין דעם גרויסן און פארכטיגן טאג, **בְּוַדַּאי אֵינוֹ מְמַלֵּא תַּאֲוָתוֹ בַּאֲכִילָה** וועט ער דאך פאר זיכער נישט אנפילן זיין גלוסטונג מיט א תאווה פון עסן, **רַק כְּדֵי לְחַזֵּק גּוּפוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרֵךְ** נאר ער עסט כדי צו שטארקן זיין גוף צו דינען דעם באשעפער, **... וּמַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ הִתְעַנָּה תְּשִׁיעִי וַעֲשִׂירִי** און די פסוק רעכנט אויף אים אזוי ווי ער וואלט געפאסט די ניינטע און די צענטע טאג, **כִּי גַּם בִּשְׁעַת אֲכִילָתוֹ הָיְתָה דַּעְתּוֹ עַל הַתַּעֲנִית וּקְדוּשַּׁת הַיּוֹם** ווייל אויך בשעת זיין עסן איז זיין כוונה געווען אויף די תענית און די הייליגקייט פונעם קומענדיגן טאג.

**וְזֶהוּ 'וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשׁוֹתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחוֹדֶשׁ - בָּעֶרֶב'** (ויקרא כג, לב) און דאס מיינט די פסוק 'עטץ זאלטס פייניגן ענקער זעהל אין דעם ניינטן טאג אין חודש אין די אווענט', **פֵּירוּשׁ בְּדָבָר שֶׁנִּקְרָא עֶרֶב הַיְינוּ בְּחִינַת אֲכִילָה** די פסוק זאגט 'בערב' דאס מיינט מיט די זאך וואס ווערט אנגערופן 'ערב' - טונקל וואס דאס איז די בחינה פון עסן, **שֶׁתֹּאכְלוּ בְּכַוָּונָה כַּנַּ"ל** מען זאל עסן מיט די אויבענדערמאנטע כוונה (צו האבן כח צו דינען השי"ת). **יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לִבְחִינָה זֹאת אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.** **(ד"ה א"י האזינו השמים)**

# האזינו - עשי"ת

**צדיק וישר הוא - אָננעמען מיט ליבשאַפט די הנהגה פון באַשעפער**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה, האזינו (לב, ד), 'הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט, א-ל אמונה ואין עול, צדיק וישר הוא'. דער פסוק איז אַ יסוד אין אמונה אין באַשעפער, אַז אַלעס וואָס ער טוט מיט'ן מענטש איז גערעכט.

**דער** דערמאַנטער פסוק דאַרף שטיין פאַר אונזערע אויגן און פאַר אונזער האַרץ אין יעדער צייט, און געדענקען אָנצונעמען די הנהגה פון באַשעפער מיט אונז מיט ליבשאַפט און מיט תמימות, און האָבן ריינע אמונה אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די וועלט. 'א-ל אמונה ואין עול', אַזוי ווי מיר זאָגן אין די יעצטיגע טעג (תפילת מוסף לר"ה ויוה"כ) 'וכל מאמינים שהוא דיין אמת'.

**ממילא**, אויך אין אַ צייט ווען ס'איז חלילה שווער פאַר'ן מענטש, ווייסט ער אַז 'כל מאי דעביד רחמנא לטב עביד'. 'צדיק ה' בכל דרכיו, וחסיד בכל מעשיו'. דער באַשעפער ברענגט קיינמאָל נישט קיין שלעכטס חלילה אויפ'ן מענטש. ס'זעט נאָר אויס ווי שלעכט, אָבער באמת איז עס פאַר זיין טובה[א]. אַמאָל וועט דער מענטש זוכה זיין צו זען מיט זיינע אויגן ווי אַזוי די שוועריגקייט איז געווען אַ הכנה צו די ישועה פון באַשעפער[ב], און אַמאָל קומט עס אים צו לייטערן און פאַרגרעסערן זיין שכר אויף יענער וועלט, ווי דער 'ספרי' זאָגט אין דער היינטיגער פרשה, אויפ'ן פסוק (לב, ז), 'זכור ימות עולם'. דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו די אידן, ווען איך ברענג אויף אייך יסורים אויף דער וועלט, זאָלט איר געדענקען וויפיל טובות און נחמות איך בין גרייט אייך צו געבן אויף יענער וועלט[ג].

---

**א.** על דרך משל, דער משגיח אין ישיבה גייט אַדורך די עס-זאַל. אויב ער זעט אַביסל לעכטיגקייט, ווייסט ער נאָך נישט וואָס עס קומט פאַר אינווייניג אינעם עס-זאַל, אָבער אויב ער זעט אַז אַלע פענצטער זענען פאַרדעקט מיט אַ שוואַרצע סחורה, און עס זעט אויס ווי ס'איז דאָרט **שטאַרק פינצטער**, ווייזט עס קלאָר אַז יעצט איז דאָרט 'לעבעדיג'... ביי די בחורים איז יעצט **גאָר לעכטיג**, ווייל מ'פראַוועט יעצט דאָרט אַ 'ליל שישי' פאַרברענג וכדומה... נאָר וואָס דען, מ'האָט געדאַרפט צודעקן די פענצטער צוליב דעם חשש פון אַן 'עין הרע', ודי למבין... זעען מיר אַז דייקא די 'פינצטערניש' ווייזט אויף דער גרויסער לעכטיגקייט.

**ב.** די גמרא זאָגט (קידושין כו.) אַז מ'קען קונה זיין 'מטלטלין' אגב דעם קנין פון 'קרקעות', און די גמרא זאָגט דאָרט אַז אַפילו אַ 'קרקע כל שהוא', וואָס מ'קען אַרויפלייגן דערויף נאָר אַ נאָדל, האָט אויך דעם דין פון 'קרקע'. פרעגט די גמרא, פאַרוואָס איז דער תנא זיך מטריח צו לאָזן הערן אַ דין פון אַ 'קרקע' אויף אַזאַ קליינינקייט ווי אַ נאָדל, און די גמרא ענטפערט, אַז דער נאָדל קען האָבן גאָר אַ טייערע ווערד, אויב עס האָט אויף זיך אַ דיאַמאַנט, וואָס איז ווערט טויזנטער.

האָבן מיר געהערט א שיינע געדאנק, אַז דאָ האָבן חז"ל אונז געוואָלט מרמז זיין, אַז אַמאָל שפירט דער מענטש ווי ער ווערט חלילה 'געשטאָכן' פון הימל (אָדער פון מענטשן) מיט אַ 'נאָדל', עס שטעכט און עס טוט וויי, אָבער **מ'דאַרף געדענקען אַז אויף דעם נאָדל הענגט אַמאָל אַ דיאַמאַנט וואָס איז ווערט טויזנטער...**

מ'קען זאָגן נאָך מער, לכאורה זעט אויס אויבנאויף, אַז די גאַנצע פעולה פונעם נאדל איז צו מאכן אַ לאָך אינעם קלייד. באמת איז אָבער דער גאַנצער תכלית דערפון און איר ציל צו באהעפטן צווישן צוויי זאַכן, צום ביישפיל ארויפנייען אַ קנעפל אויף דעם קלייד, א.א.וו. מ'שטעכט אַריין דעם נאָדל מיט'ן פאָדעם ביז עס ווערט איינס. קומט אויס אַז דער נאדל איז נישט גורם אַ קלקול, נאָר דאָס אליין איז דער תיקון און די באַהעפטונג.

דאָס זעלבע קען מען זאָגן, אַז אַלע 'נאָדלען' וואָס אַ איד ווערט חלילה אַמאָל געשטאָכן, **קומען נישט כדי אים גורם צו זיין 'לעכער' ח"ו, נאָר עס צילט אים צו באהעפטן צו זיין ליבן טאַטן אין הימל.**

**וואָס** מער דער מענטש גלייבט אַז דער אויבערשטער ׳כל דרכיו משפט׳, טוט דער אויבערשטער משגיח זיין אויף אים, און אויך ווען עס זעט אויס אַז איז אַ צדיק וישר, אַזוי דרייען זיך איבער אַלע דינים צום גוטן[ד].

---

## מן הבאר

דער משגיח פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה, הגה"צ רבי אליהו אליעזר דעסלער זצ"ל, האָט נאָכגעזאָגט (׳מכתב מאליהו׳, ח"א, ע׳ 84) אין נאָמען פון הגה"צ רבי צבי הירש ברוידא זצ"ל, אויב מ׳זאָל באַפעלן פאַר אַ מענטש ער זאָל זיך אַוועקשטעלן אויפ׳ן גאַס אינמיטן שטאָט און אויסטוהן אַלע דורכגייער זייערע שיך, און דאַן זיי ווידער אָנטוהן די שיך, וועט אַזאַ איינער אַוודאי שפּירן אַ שרעקליכן בזיון און פּערזענליכע דערנידריגונג. פונדעסטוועגן, זעען מיר אַז די פּאַרקופער אין די שיך-געשעפטן, וואָס פולער זיין געשעפט איז, און ער דאַרף דעריבער שטייען און אָפּמעסטן שיך אויף די פיס פון די קונים הונדערטער מאָל אַ שעה, וועט ער זיך נאָר מער פרייען. איז דאָך שווער צו פאַרשטיין, **וואו איז פאַרשוואונדן דער בזיון...** נאָר וואָס דען, וויבאַלד ער פאַרדינט דערביי זיין פרנסה, איז ער צופרידן און ער פרייט זיך יעדן מאָל ווען ער דאַרף אויסטוהן פאַר אַ קונה דעם אַלטן שיך, און אָפּמעסטן אַ נייעם.

דאָס זעלבע איז מיט דער וואָס פאַרשטייט אַז די גאַנצע שוועריגקייט איז נאָר פאַר זיין טובה, און ער פאַרדינט גאָר אַסאַך פון יעדע שוועריגקייט. אַזאַ איינער **פרייד זיך מיט יעדער שוועריגקייט.**

---

ס׳איז באַקאַנט וואָס דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט אַ חילוק צווישן די מימרא **׳כל דעביד רחמנא לטב עביד׳** (ברכות ס:), און די ווערטער פון נחום איש גם זו, וואָס ער פלעגט זאָגן **׳גם זו לטובה׳** (תענית כא.). די כוונה פון ׳לטב עביד׳ איז, אַז ס׳זאָל אַרויסקומען אַ טובה פון שלעכטן. אויף דעם לייגט צו נחום איש גם זו נאָך מער, און ער זאָגט **׳גם זו׳ - אויך יענע רעה איז בעצם אַ טובה**, אַזוי ווי די ערד פון נחום איש גם זו איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין פיילן, קומט אויס אַז ס׳איז אַרויסגעקומען פאַר נחום איש גם זו אַ טובה פון דער ערד זעלבסט... ממילא, אויב איינער זאָגט ׳גם זו לטובה׳, ווייל ער גלייבט באמת, איז מיט׳ן זאָגן דרייט דער מענטש איבער די רעה אַליין, אַז עס זאָל ווערן פאַר אים אַ טובה. (׳בעל שם טוב׳ עה"ת, פ׳ מקץ, הערה ד, ועוד)

לענינינו, יעדע מכה וואָס קומט חלילה, איז אין צוגאָב צו דעם וואָס ׳כל דעביד רחמנא לטב עביד׳, אַז ס׳וועט אַרויסקומען אַ טובה פונעם שלעכטן, איז בעצם, ׳גם זו לטובה׳ - די עצם מכה איז אַ טובה וואָס טוט באַהעפטן און דערנענטערן דעם איד צום באַשעפער.

**ג.** דער ׳שפת אמת׳ טייטשט (פ׳ שלח תר"נ, ד"ה ׳בפרשת׳) די ווערטער ׳א-ל אמונה׳: **דעם אויבערשטענ׳ס געטליכקייט ווערט אַנטפּלעקט אויף דער וועלט, לויט די אמונה וואָס די מענטשן האָבן.**

**ד.** מיר האָבן געהערט פונעם בעל העובדא, אַ וואונדערליכע מעשה וואָס האָט מיט אים פּאַסירט פאַר שמחת תורה תשע"ט, ומעשה שהיה, כך היה: אַזוי ווי אַסאַך גוטע אידן, האָט ער אויך געהאַט השתוקקות צו זיין ביי זיין רבי׳ן שמחת תורה, זיך אָנצושעפּן מיט שמחה, התרוממות הנפש און קדושה אויפ׳ן גאַנצן יאָר. ער האָט געזוכט צו דינגען אַ דירה פאַר זיך און זיין משפחה, נישט ווייט פון זיין רבינ׳ס הויף. ער האָט אָבער נישט געפונען קיין דירה, (ווייל די מענטשן פון יענער געגנט בלייבן יום טוב אינדערהיים). ענדליך האָט ער געטראָפן אַ דירה וואָס האָט אויסגעזען פּאַסיג פאַר זיין משפחה.

אין די לעצטע יאָרן אָבער, האָבן אַסאַך קהילות זיך צואַמענגענומען און איינגעפירט אַ תקנה מ׳זאָל נישט דינגען דירות פאַר אַ העכערן פרייז ווי ס׳איז באַשטימט, כדי די אַרויסדינגער זאָלן נישט קענען הייבן די פרייזן און פאַרלאַנגען אַסאַך געלט, וואָס נישט יעדער איינער איז בכח צו צאָלן. דער אייגנטימער פון דער דירה האָט געפאָדערט אַ הויכן פרייז, טויזנט שקלים מער ווי די עסקנים האָבן באַשטימט. ער האָט בשום אופן נישט מסכים געווען צו פאַרדינגען פאַר אַ קלענערן פרייז, מיט דער טענה אַז ס׳לוינט זיך אים נישט די גאַנצע טירחא פאַר אַ נידעריגערן פרייז. דער יונגערמאַן האָט נישט געוואָלט ברעכן דעם מאַרק און גורם זיין צו העכערן די פרייזן, און ער האָט נישט געדונגען פון אים די דירה, נאָר געזוכט אַ דירה ערגעץ אַנדערש.

אַזוי זענען די טעג געלאָפן, אָבער אַן אַנדערע דירה האָט מען נישט געטראָפן. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט צוזאַמען מיט די בני בית מיט אמונה אַז ׳רווח והצלה יעמוד ליהודים׳, דער אויבערשטער וועט זיי העלפן פאַרווירקליכן זייער פאַרלאַנג.

און ער וועט זוכה זיין צו זען די ישועה פון באַשעפער, מיט זיין אָפּענע השגחה פרטית[ה], ווי דער קאָזשיגלובער רב, הגאון בעל 'ארץ צבי' זצ"ל הי"ד, זאָגט (מועדים, שבת שובה תרפ"ו) אויפ'ן פסוק אָנהייב היינטיגע פרשה (לב, א) 'האזינו השמים ואדברה', אַז אויב דער מענטש הערט זיך צו צום 'הימל'. דאָס הייסט, ער בייגט-צו זיין אויער זיך מתבונן צו זיין אַז אַלעס וואָס פּאַסירט מיט אים איז נאָר פון הימל, מיט אַ פּונקטליכער השגחה פרטית, ווערט מקויים ביי אים 'ואדברה', אַ לשון פון הנהגה [אַזוי ווי די גמרא זאָגט (סנהדרין ח.) 'דבר אחד לדור']. דאָס מיינט, דער אויבערשטער וועט אים פירן מיט זיין השגחה עליונה, צו טוהן גוטס מיט אים, ווי מיר זאָגן אין די תפילות פון ראש השנה, 'ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך'[ו].

---

הושענא רבה ביינאַכט איז דער יונגערמאַן געגאַנגען אין ביהמ"ד, כדי צו הערן לייענען 'משנה תורה' און זאָגן תהילים, ווי ס'איז איינגעפירט. ער איז אַהיימגעגאַנגען 12:50, נאָך חצות. ווען ער איז אָנגעקומען, האָט זיין בני בית אים אויפגענומען מיט אַ פריילירכן טאָן, און געזאָגט, 'ברוך השם, מיר האָבן אַ דירה אויף שמחת תורה'.

עטליכע סעקונדן שפּעטער האָט דער טעלעפאָן געקלינגען. דאָס איז געווען דער אייגנטימער פון דער דערמאַנטער דירה וואָס זיי האָבן געוואלט דינגען, און ער האָט זיי יעצט געמאָלדן אַז ער איז גרייט אַראָפּצולאָזן דעם פּרייז פאַר דער דירה מיט טויזנט שקלים ווייניגער ווי ער האָט פריער געבעטן. ער איז מסכים צו פאַרדינגען די דירה פאַר דעם פרייז וואָס דער וועד האָט באַשטימט.

דאַן האָט די בני בית געזאָגט צו איר מאַן, אַז באמת האָט זי נישט געמיינט צו זאָגן אַז זי האָט געטראָפן אַן אַנדערע דירה (ווען זי האָט אים פריער ביים אַהיימקומען, אָנגעזאָגט די בשורה טובה), נאָר זי האָט זיך אַזוי געשטאַרקט מיט אמונה אין באַשעפער אַז ער וועט ערפילן זייער בקשה, און זי איז געווען פרייליך, זייענדיג זיכער אַז די ישועה וועט באַלד קומען. אַלזאָ, דער יונגערמאַן האָט אָפּגערעדט מיט דעם בעה"ב פון דער דירה, אַז ער דינגט די דירה אויף שמחת תורה.

פון דעם זעען מיר, אַז **ווען מ'שטאַרקט זיך מיט אמונה מיט אַ שמחה, איז מען זוכה צו דער ישועה** (בפרט אַז ער האָט זיך פאַרבונדן אַזוי שפּעט ביינאַכט, אַ זאַך וואָס איז נישט אַזאַ געוועהנליכע ערשיינונג צווישן מענטשן).

דאס איז באמת די ריכטיגע וועג וואס א איד דארף צו לעבן, ווייל דער וואָס גלייבט מיט'ן גאַנצן האַרץ, איז פרייליך נאָך איידער עס קומט-אָן די ישועה, צוליב זיין גרויסן בטחון אין באַשעפער, אַז ער וועט אים ערפילן אַלע זיינע פאַרלאַנגען.

**ה.** אַזוי זאָגט הרה"ק בעל 'אורח לחיים' זי"ע, אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (לב, ג) 'כי שם ה' אקרא, הבו גודל לאלוקינו', מיט אַ משל וואָס דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט, אַ טאַטע האָט געטוישט זיינע קליידער און זיך פאַרשטעלט, כדי צו דערשרעקן זיין יונג קינד. באַלד נאָך דעם וואו דאָס קינד פאַרשטייט אַז דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי זיין טאַטע, שרייט ער 'טאַטע, טאַטע!' און דאַן ווערט דער טאַטע פול מיט רחמנות אויפ'ן קינד, און ער טוט אויס יענע לבושים, און ער באַווייזט זיך פאַר'ן קינד.

אַזוי איז דער גאַנצער תכלית פון דעם הסתר און דעם צער, נאָר כדי מיר זאָלן פאַרשטיין אַז דער אויבערשטער פאַרלאָזט אונז נישט, ער פאַרשטעלט נאָר זיין פנים כדי מיר זאָלן אים רופן. און ווען דער מענטש האָט די דאָזיגע אנערקענונג, פאַרשווינדן אַלע מחיצות און הסתרות, און אַלע זיינע ווייטאָגן און יסורים ווערן בטל.

דאָס איז די כוונה פון פסוק, **'כי שם ה' אקרא'**. ווען עס וועט זיין אַ צער ל"ע, אָבער דער מענטש וועט אנערקענען אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, און אויך דער צער פון קומט פונעם באַשעפער כביכול. **'אקרא'** - וועל איך רופן צו אים, און דורך דעם **'הבו גודל'** - וועט די מידה פון חסד זיך שטאַרקן אויף די מדה פון דין ('לאלוקינו'), ווייל **די אמונה אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא איז ממתיק אַלע דינים, און דאָס מאַכט בטל יעדן סאָרט ווייטאָג און צער.**

**ו.** ווען עס האָט אויסגעבראָכן די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה (ענדע יאָר תרצ"ט), און די דייטשע רשעים ימ"ש האָבן געמאַכט פאַרשריט אין זייערע מאַרשרוטן אין פוילן און ליטע, זענען הונדערטער טויזנטער אידן אַנטלאָפן וואָס ווייטער, אָדער מ'האָט זיך באַהאַלטן אין די וועלדער. (ביז אַ קורצע צייט שפּעטער האָבן זיי נעבעך אויסגעפונען, אַז ס'איז שוין נישט דאָ וואו צו אַנטלויפן).

אויך די משפחה פונעם בריסקער רב זצ"ל האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער זיי האָבן געדאַרפט וואַרטן אויפ'ן רב'ס באַשלוס.

נאָך אַ לענגערן שיקול הדעת צי אַזאַ אַנטלויפן איז באמת אין דעם גדר פון דעם חיוב פון 'השתדלות', אָדער ס'איז אַ סתירה צו דעם חיוב פון בטחון אין דעם אויבערשטען. צום סוף האָט דער בריסקער רב מכריע געווען אַז מ'דאַרף אַנטלויפן אין אַ דערנעבנדיגן וואַלד, און מ'האָט אנגעזאָגט די קינדער אַז מ'זאָל נישט מיטנעמען קיין שום מאכלים. **מ'זאָל נאָר מיטנעמען מיט זיך די אמונה אין 'אין עוד מלבדו'...** זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג, נישט האָבנדיג אין האנט אַפילו אַ שטיקל ברויט.

נאָך עטליכע שעה לויפן, איז זיי אַנטקעגן געקומען אַ איד וואָס האָט געטראָגן צוויי גרויסע קאָרבן פול מיט געשמאַקע מאכלים, און ער האָט זיי געפרעגט אויב זיי האָבן היינט שוין געגעסן. ווען זיי האָבן געענטפערט אַז זיי האָבן נאָך היינט גאָרנישט געגעסן, האָט דער איד זיי געוויזן וואָס ער האָט אין זיינע קאָרבן, צוגעבנדיג, אַז ס'האָט געזאָלט פאַרקומען אַ חתונה, און מ'האָט שוין אָפּגעקאָכט די גאַנצע עסן פאַר דער חתונה סעודה, נאָר ליידער, צוליב די שווערע צייטן, האָט מען געמוזט אָפּשטופּן די חתונה אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, און די גאַנצע סעודה איז געבליבן ליגן. צוליב 'בל תשחית', האָט ער עס נישט געוואָלט אַוועקוואַרפן אין מיסט, און צוליב דעם האָט ער עס מיטגענומען מיט זיך, כדי עס צו געבן פאַר הונגעריגע אידן אויף די וועגן, און אויב זיי ווילן, קענען זיי עס האָבן...

דער בריסקער רב האָט אויסגעפרעגט דעם איד איבער דער כשרות פון די מאכלים. נאָך דעם ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אַלעס איז צוגעגרייט געוואָרן בתכלית הכשרות והדקדוק, האָט דער בריסקער רב ערלויבט פאַר די קינדער עס צו נעמען פון דעם איד. זיי האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אינמיטן וואַלד, צו עסן אַ 'סעודת שלמה בשעתה'. דער בריסקער רב האָט אנגעזאָגט, אַז מ'זאָל גאָרנישט איבערלאָזן פון דער סעודה אויף מאָרגן, ווייל מ'דאַרף זיך פאַרלאָזן אויפ'ן באַשעפער אַז ער וועט זיי אויך מאָרגן צושטעלן אַלעס וואָס זיי דאַרפן האָבן, פונקט אַזוי ווי ער האָט זיי היינט באַזאָרגט מיט שפייז, און אַזוי זענען זיי ווייטער געלאָפן אין וואַלד.

צומאָרגנס איז זיי ווידער אַנטקעגן געקומען אַ איד מיט קאָרבן פול מיט עסן, און געזאָגט די זעלבע ווערטער, אַז מ'האט צוגעגרייט דאָס עסן פאַר אַ חתונה, און די חתונה איז ליידער בטל געוואָרן. מ'האט עס גענומען פון אים, און געעפנט די קאָרבן אַרויסצונעמען די עסן, כדי זיך אַוועקצוזעצן צו די 'סעודה'. דאָרט איז אַלעס געווען אויסער דער 'נאכשפייז', וואָס מ'דערלאַנגט ביים סוף פון דער סעודה.

ס'איז זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז קיינער איז נישט געווען 'אומרואיג' פון דעם וואָס מ'האט נישט דעם נאכשפייז... מיטן אויסנאַם פון דעם בריסקער רב אַליין... דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס וואונדער אין אַלעמענס אויגן, ווייל אפילו אין פרידנס-צייטן האָט קיינמאָל נישט אינטערעסירט דעם בריסקער רב וואָס פאַראַ שפייז מ'גיט אים, און אַוודאי און אַוודאי אין צייט פון אַ מלחמה... ספּעציעל אַז מ'האָט געגעסן מער ווי צו דער זעט, און וועמען פעלט יעצט אַ 'לעצטע פּאָרציע'...

האָט דער בריסקער רב זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט צו עמיצער האָט נישט עפּעס איבערגעלאָזט נעכטן פון דער סעודה. אַלע זענען געבליבן שטיל, קיינער האָט נישט געענטפערט. האט דער בריסקער רב געפרעגט אַ צווייטן מאָל צי עמיצער האָט איבערגעלאָזט עפּעס פון דער נעכטיגער סעודה, און אויב יאָ, וויל ער וויסן ווער ס'האָט איבערגעלאָזט. האָט זיך אויפגעשטעלט אַ קליין קינד און זיך מודה געווען אַז ער האָט עפּעס איבערגעלאָזט. האָט דער בריסקער רב אים געהייסן זאָגן הויך וואָס ער האָט איבערגעלאָזט. האָט דאָס קינד דערציילט אַז ער האָט מורא געהאַט, אפשר וועלן זיי היינט נישט האָבן וואָס צו עסן, און דעריבער האָט ער באַהאַלטן אַביסל פונעם נאכשפייז אין אַ פלעשל, כדי ער זאָל היינט האָבן וואָס צו עסן.

האָט דער בריסקער רב געזאָגט צו די אַלע וואָס זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיט אים: זעט נאָר דעם באַשעפער'ס גרויסקייט. דאָס קינד האָט איבערגעלאָזט נאכשפייז, וועגן דעם האָבן מיר דאס 'פּונקט' היינט נישט באַקומען.

פון דעם אַלעם קענען מיר לערנען ווי ווייט **דער אויבערשטער היט און שיצט אונז לויט וויפיל בטחון מיר האָבן אין אים.** אויב מיר וועלן זיך פאַרלאזן נאָר אויף דעם באַשעפער, וועלן מיר אייביג זוכה זיין צו זען ווי דער אויבערשטער איז 'מגן ומושיע לכל החוסים בו'.

**שבת בו תשוב - שבת שובה**

**'אם** תשיב משבת רגלך עשות חפציך ביום קדשי' (ישעיהו נח, יג).

**דער** הייליגער רוזינער זי"ע האָט געטייטשט אַז דער פסוק רעדט וועגן שבת שובה. דער אויבערשטער זאָגט, 'אם תשיב משבת' - אויב דו וועסט תשובה טוהן אין דעם שבת[ז], 'רגלך' - פון אַלע דיינע געוואוינהייטן, דאָס הייסט, דו וועסט טוישן דיינע געוואוינהייטן, טוט דער אויבערשטער דיר פאַרזיכערן אַז דו וועסט זוכה זיין צו דער פאַרווירקליכונג פון די סיפא פון דעם פסוק, 'עשות חפציך' - ער וועט טוהן אַלע דיינע באַדערפענישן, און ער וועט דיר פאַרשרייבן אַ גוט זיס יאָר. 'ביום קדשי' - אין דעם הייליגן טאָג פון יום כיפור[ח].

**דער** 'שפת אמת' שרייבט (שבת שובה תר"ס) אַז מ'דאַרף זיך שטאַרקן שבת שובה, וואָס איז דער ערשטער שבת אינעם יאָר, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (שבת קיח:) 'אלמלא שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהם אומה ולשון'. ראש השנה, ווען עס ווערט אַ נייער סדר אויף אַלע טעג פון דעם יאָר, אויב מ'נעמט אויף דעם ערשטן שבת ריכטיג, טוט מען מיט דעם פאַררעכטן דאָס גאַנצע יאָר, עכ"ל.

---

**ז.** הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע איז אַמאָל פרייטאָג צו נאַכטס אַריינגעקומען אין שול, און געזען ווי דער עולם זיצט על התורה ועל העבודה. האָט דער 'חידושי הרי"ם' געפרעגט די חסידים:

- ווער האָט ענק מתיר געווען יעצט צו פאַרברענגען אין ביהמ"ד, אנשטאט אַהיימגיין מאַכן קידוש און עסן די שבת'דיגע סעודה? דער פסוק זאָגט דאָך, 'וקראת לשבת עונג', און מ'טאר נישט מבטל זיין די דאָזיגע מצוה.

דערנאָך האָט דער 'חידושי הרי"ם' פאָרגעזעצט: אבער וויבאַלד איר זענט עוסק אין תשובה טוהן, וואָס אויף דעם זאָגט דער פסוק 'ומלתם את ערלת לבבכם', וואָס די מצוה פון מילה איז דאָך דוחה שבת. ממילא, מעגט איר, און ס'איז אַפילו אַ מצוה, עוסק צו זיין אין תורה און עבודה אין בית המדרש.

אויף דעם וואָרט פונעם 'חידושי הרי"ם' האָט געפרעגט זיין אייניקל, דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, מיר ווייסן דאָך אַז מילה איז דוחה שבת נאָר אויב ס'איז 'בזמנה', דאָס הייסט, אין אַכטן טאָג פונעם קינד'ס געבורט, און דאָ איז דאָך עס 'מילה שלא בזמנה', ווייל די צייט תשובה צו טוהן איז **ערב** שבת. ממילא, ווי אַזוי האָבן זיי געקענט דוחה זיין די מצוה פון כבוד און עונג שבת?

- נאָר פון דא איז אַ ראיה - האָט דער 'פני מנחם' געזאָגט - אַז **תשובה האָט נישט אַ באַשטימטן זמן. ס'איז אייביג די צייט תשובה צו טוהן.** וועגן דעם איז עס דוחה שבת. (און ס'איז פשוט אַז היינטיגער שבת, שבת שובה, איז עס ממש אַ בחינה פון 'מילה בזמנה'...).

**ח.** די בעלזער צדיקים זי"ע, פלעגן שבת שובה ביי שלש סעודות זיצן נעבן דער טיר, מרמז צו זיין אויף דעם אָרימאַן וואָס זיצט ביי דער טיר און ער בעט זיך ביי דעם אייגנטימער פון דעם הויז ער זאל זיך דערבאַרימען און אים אַרייננעמען. אַזוי שטייט מען, ווי אַן אָרימאַן ביי דער טיר, און מ'בעט זיך ביי דעם אויבערשטען ער זאָל אָננעמען אונזער תשובה.

איין יאָר האָט דער בעלזער רב, הרה"ק מהר"א זי"ע, זיך אַוועקגעזעצט ביי שלש סעודות אין שבת שובה ביי דער טיר, און מיט אַ שטימע געשטיקט פון טרערן האָט דער הייליגער בעלזער רב געזאָגט: 'כעני בפתח, כעני בפתח'... די דאָזיגע ווערטער, וואָס זענען ארויסגעקומען פון די טיפענישן פון זיין הייליג האַרץ, האָבן אַריינגעדרונגען טיף אין די הערצער פון די חסידים, וועלכע האָבן תשובה געטוהן אויפ'ן אָרט, 'כעני בפתח'.

**מן הבאר**

ווי ווייט יעדער יחיד איז בכח אויפצורייסן די שערי שמים מיט זיין תפילה, קען מען זען פון די ווערטער פון 'אליה רבה' (סי' תקפא, א"ז סק"ו) אויף דעם וואָס עס שטייט אין די 'מנהגים', אַז כאָטש אַ גאַנץ יאָר קען אַ יחיד נישט זאָגן די שלוש עשרה מדות נאָר דרך תפלה און בקשה, אָבער די עשרת ימי תשובה זענען אַנדערש, מ'קען זאָגן די שלוש עשרה מדות אויך ביחידות. און כאָטש מיר פסק'ענען נישט אַזוי להלכה, קען מען על כל פנים לערנען פון דעם **אַז אין די יעצטיגע טעג האָט אַפילו אַ יחיד דעם דין אַזוי ווי דער ציבור.**

### בהיותו קרוב - מיר האָבן אַ וועג ווי אַזוי 'אונטערצוקויפן' דעם באשעפער

**דער** רמב"ם ז"ל שרייבט (הלכות תשובה פ"ב, ה"ו) 'אף על פי שהתשובה והצעקה יפה לעולם, בעשרה הימים שבין ראש השנה ויום הכיפורים היא יפה ביותר ומתקבלת היא מיד'. דאָס הייסט, כאָטש די תשובה און דאָס שרייען צום באַשעפער העלפט אייביג, אָבער אין די עשרת ימי תשובה איז עס נאָך שנעער, און עס ווערט באַלד אָנגענומען, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט, 'דרשו ה' בהמצאו'. 'במה דברים אמורים, ביחיד' - דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן יעדן יחיד.

**שרייבט** דער "ערוך לנר" (ר"ה יח.), לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זענען די יעצטיגע טעג שטאַרקער ווי אַלע אַנדערע טעג פונעם יאָר? דער מענטש קען דאָך שטענדיג מתפלל זיין און מבטל זיין אַלע שלעכטע גזירות, ווי די גמרא זאָגט (ר"ה טז.) רבי יצחק האָט געזאָגט, "יפה צעקה לאדם, בין קודם גזר דין, בין לאחר גזר דין". ס'איז אלעמאל גוט צו שרייען צו דעם אויבערשטן, סיי אויב עס איז פאַר די גזירה און סיי אויב עס איז נאָך די גזירה. ענטפערט דער "ערוך לנר": די עשרת ימי תשובה זענען אַנדערש ווי אַ גאַנץ יאָר, ווייל דעמאָלט פועל'ט אַפילו אַ תפילה פון אַ יחיד[ט], און זיין דין ווערט אינגאַנצן צעריסן.

**ס'איז** דער סדר אין די גוי'שע וועלט, אַז אַ מענטש וואָס דאַרף שטיין פאַר'ן געריכט, טוט נאָכזוכן, און זיך אינטערעסירן איבער דעם שופט און זיינע אקטיוויטעטן, ער וועט פרובירן אים אונטערקויפן מיט געלט אָדער אַנדערע זאַכן, כדי ער זאָל זוכה זיין ביים משפט. דאָס זעלבע דאַרפן מיר טוהן - להבדיל אלף אלפי הבדלות - צו וויסן און פאַרשטיין, אַז מיר האָבן אויך אַ וועג ווי אַזוי 'אונטערצוקויפן' דעם באַשעפער כביכול. דער וועג אים 'אונטערצוקויפן' איז דורך תפילה און צדקה', אַזוי ווי די גמרא זאָגט (ברכות כח:) רבי יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט, יעצט ווען מ'פירט מיך פאַר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואָס ער לעבט אייביג, און איך קען אים נישט איבערבעטן מיט רייד, און איך קען אים אויך נישט אונטערקויפן מיט געלט, זאָל איך נישט וויינען?

---

**ט.** אַזוי שרייבט דער גאון בעל 'נודע ביהודה' זי"ע (דרושי הצל"ח', דרוש א' לסליחות), ס'איז באַקאַנט אַז אין די עשרת ימי תשובה געפינט זיך דער אויבערשטער אויך ביי יעדע יחיד, און **אַפילו אויב ס'איז חלילה נגזר געוואָרן אין ראש השנה אַ שלעכטער גזר דין ח"ו, קען דער גזר דין צעריסן ווערן אין די עשרת ימי תשובה**, און ער ווערט פאַרזיגלט אין יום כיפור צום לעבן. און אויף דעם זאָגט דער פסוק, **'יחיינו'** - דער אויבערשטער זאָל אונז לעבעדיג מאַכן. **'מיומים'** - פון דעם וואָס ס'איז נגזר געוואָרן אויף אונז אין די צוויי טעג ראש השנה. אַז אַפילו אויב ס'איז חלילה נגזר געוואָרן אויפ'ן מענטש מיתה חס ושלום, קען דער אויבערשטער אים געבן לעבן. **'ביום השלישי יקימנו ונחיה לפניו'**, אַז מיר וועלן לעבן.

**י.** דער גאון רבי יונתן אייבעשיץ זצ"ל פרעגט א שטארקע קשיא, ('יערות דבש', ח"א, דרוש ו) וואָס איז דער טעם אַז דער אויבערשטער נעמט אָן די תפילות און בקשות אין די ימים נוראים, ווען ער זיצט אויפ'ן כסא דין, לכאורה איז דאָך מסתבר פאַרקערט, אַז אין טעג פון דין זאָלן נישט אָנגענומען ווערן די תחינות און בקשות וואָס מ'בעט זוכה צו זיין צו רחמים און חסדים.

ענטפערט דער רבי ר' יהונתן, וויבאַלד פון ראש השנה ביז יום כיפור זיצט דער אויבערשטער און ער משפט די וועלט, נישט אַזוי ווי יעדן טאָג וואָס ער טוט משפט'ן די וועלט נאָר אין די ערשטע דריי שעה פונעם טאָג [אַזוי ווי די גמרא זאָגט (ע"ז ד.)]. און ס'איז באַקאַנט פון דעם 'חוק ונימוס הדין', אַז בשעת א משפט טאָר דער דיין נישט זיין בייז אויפ'ן בעל דין, צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, כדי דער בעל דין זאָל זיך נישט פאַרלירן און ער וועט נישט קענען טענה'ן זיינע טענות געהעריג, און אויך ווייל אויב ער וועט זיין אין כעס וועט ער נישט קענען אַרויסגעבן אַ ריכטיגן פסק דין. צוליב דעם, ווען ער זיצט ביים משפט, טאָר ער זיך אינגאַנצן נישט בייזערן, ער מוז דעמאָלס איינהאַלטן זיין צאָרן.

דעריבער, אויך אויב די עבירות זענען חלילה אַזוי פיל, ווערט דער בוכ"ע בכלל נישט אין כעס, און דער מענטש קען דעמאָלס בעטן אַ 'מנה גדושה' - אַ גרויסע פאַרציע פון רחמים וואָס ווערן נתעורר אין די עשרת ימי תשובה, און צוליב דעם זענען די דאָזיגע טעג באַוויליגטע טעג, כאָטש זיי זענען טעג פון דין.

**שרייבט** דאָרט דער מהרש"א ז"ל (חידושי אגדות, ד"ה 'ואיני יודע'), אַז כאטש רבי יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט אַז מ'קען נישט אונטערקויפן דעם אויבערשטען מיט געלט און מיט ווערטער, איז דאָס נאָר אויף יענער וועלט, אָבער אויף דער וועלט, קען מען אים יאָ אונטערקויפן מיט ווערטער, וואָס דאָס איז תפילה, און מיט געלט - דורך טיילן צדקה[יא].

**ממילא,** דאַרפן מיר נתעורר ווערן, עורו נא התעוררו נא בעוד הנפש חני נא, אַזוי לאנג ווי די נשמה פון אַ איד לעבט נאָך אויף דער וועלט בכלל, און ספּעציעל אין די יעצטיגע טעג, דאַרף מען מרבה זיין בתפילה און צדקה, און אַזוי קען מען זוכה זיין ביים משפּט[יב].

**דער** 'טורי אבן' שרייבט (ראש השנה טז:) אויף די ווערטער פון חז"ל אַז דאָס שרייען צום באַשעפער ווערט באַלד אָנגענומען, אַז דאָס מיינט מען נישט נאָר צו פאַרבעסערן זיינע מעשים, נאָר מ'זאָל אָנקלאַפּן אויף די שערי רחמים בתפילה ובקשה יתירה - מיט מער תפילות און בקשות[יג].

---

**יא.** מ'קען ארויסנעמען א געוואלדיגע חיזוק פון די ווערטער פונעם גאון בעל 'נודע ביהודה' זי"ע, וואָס ער זאָגט אין 'דרושי הצל"ח' (דרוש ח, א' דסליחות), עס טרעפט זיך אַז אַ איד שטייט און דאַוונט אין די ימים נוראים, און פּלוצלינג זעט ער אַז זיין מוח שוועבט אין גאַנץ אַנדערע ערטער... **זאָל ער זיך נישט פאַרלירן,** ווייל די גמרא זאָגט (זבחים סח:) 'כל שפסולו בקודש, הקודש מקבלו'. דאָס מיינט, אויב דער פסול האט פאסירט ווען די בהמה איז שוין געווען אין ביהמ"ק, מעג מען עס מקריב זיין, וויבאלד ער איז אריינגעקומען הייליג.

די זעלבע איז ווען מ'שטעלט זיך דאַוונען. איז מען האט אנגעהויבן מיט די ריכטיגע הכנה, איז אויך די שלעכטע מחשבה ('פסולו'), איז אריינגעקומען אינמיטן, טוט דער 'קודש' אים אָננעמען, ווייל עס ווערט אָנגערופן 'פסולו בחוץ', נאָר אויב מען איז באַלד צוגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ, ער פּרובירט באַלד לכתחילה נישט דאָרט צו זיין...

**יב.** דער לובלינער רב, הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל, האָט דערציילט, אין איינעם פון די שטעט האָט דער רב געהאַט אַ מנהג, אַז יעדעס מאָל ווען אַן אָרימאַן האָט אָנגעקלאַפּט אויף דער טיר צו בעטן אַ נדבה, פלעגט די רעביצין אים געבן אַ גראָשן. אויב די רעבעצין האָט דערקענט אויף דעם אָרימאַן אַז ער איז אַ 'בן טובים', פלעגט זי אים אַריינגעמען צו איר מאַן דער רב, און ער פלעגט אים געבן אַ 'זלאָטע', וואָס איז ווערד געווען 100 גראָשן.

איינער פון די אָרימעלייט, וואָס פלעגט יעדע נאַכט קומען בעטן פון דער רעבעצין אַ נדבה, האָט אַמאָל באַוויזן אַריינצוקומען צום רב אַליין, וועלכער האָט אים געגעבן, ווי זיין שטייגער, אַ גאַנצע 'זלאָטע'. האָט דער אָרימאַן געבעטן אַז דער רב זאָל אים געבן אַ גרעסערע נדבה. האָט דער רב אים געפרעגט:

- די רעביצין גיט דיר יעדן טאָג בלויז אַ גראָשן, דו האָסט איר קיינמאָל נישט געבעטן מער, אָבער פון מיר, וואָס איך האָב דיר געגעבן אַ גאנצע זלאָטע, בעטסטו נאָך אַמאָל? דו וואָלסט זיך געדאַרפט באַגעניגן מיט דער דאָזיגער גרויסער נדבה, און נישט בעטן מער.

האָט דער אָרימאַן געענטפערט דעם רב:

- אויב איך וועל בעטן די רעביצין אַז זי זאָל מיר געבן מער, וועט זי סך-הכל מיר געבן נאָך אַ גראשן, און ס'איז נישט כדאַי פאַר מיר צו בעטן אזא קליינע נדבה. דאַקעגן דער רב טיילט אַ גרויסע מתנה, ממילא איז מיר 'ווערד' צו בעטן מ'זאל מיר געבן מער. אויף אַ גרעסערע נדבה לוינט זיך צו בעטן...

**לעניננו קען מען זאָגן, אין די יעצטיגע טעג שענקט מען פון הימל גאַנצע 'זלאָטעס' אָן אַ שיעור. יעדער תפילה און געשריי ווערט באַלד אָנגענומען אין הימל. מיר דאַרפן וויסן און פארשטיין אַז אין די יעצטיגע טעג איז ווערד צו מתפלל זיין, 'בעד הנפש חני נא, אולי יחוס, אולי ירחם'.**

**יג.** מיר האָבן געהערט פון אונזערס אַ ידיד, אַ מיטגליד פון 'הצלה', אַז ווען ער איז געווען אינדערהיים, האָט ער פלוצלינג געהערט קלאַפּן שטאַרק אויפ'ן טיר. ער האָט שנעל געעפענט די טיר, צו זען פאַרוואָס מ'קלאַפּט אַזוי, און ביים טיר איז געשטאַנען אַ מאַמע און געהאַלטן אין דער האַנט איר קליין יונגל וואָס האָט פאַרלוירן דעם אָטעם, און ער נויטיגט זיך דרינגענד אין ערשטע הילף פון 'הצלה'. דאַן האָט דער 'הצלה' וואָלונטיר גוט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון די ווערטער 'כדלים וכרשים **דפקנו דלתיך**'. נישט אַ שוואַכער קלאַפּן, נאָר **שטאַרקע זעצן, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס דאַרף דרינגענד האָבן 'הצלה', צו ראַטעווען זיין לעבן...**

**דעם** חיוב מתפלל צו זיין אין די יעצטיגע טעג, קען מען זען פון די ווערטער וואָס עס שרייבט דער 'טור' (או"ח סימן תר"ב), אַז מ'פירט זיך אין די ספרד'ישע מקומות אַז אויך שבת זאָגט מען מער תפילות ותחנונים. פרעגט דער 'טור', מיר פסק'ענען דאָך אַז 'אין מריעין בשבת'.

**ענטפערט** דער 'בית יוסף', אַז מ'קען זאָגן אַ טעם פאַר דעם מנהג פון די ספרד'ישע אידן, ווייל זיי פסק'ענען להלכה אַזוי ווי דער מאן דאמר וואס האלט, אז מען מעג בלאזן מיט שופר צו ווארענען די איינוואוינער פון שטאט אז עס קומען רויבער אדער אז די ים האט זיך געהויבן. ווייל איז אזא פאל הייסט עס 'אַ וויכטיגע זאַך' (כדי זיי זאלן זיך קענען ראטעווען). און וויבאַלד אין די עשרת ימי תשובה ווערט די תפילה אָנגענומען מער ווי אין אַנדערע טעג, און אין יעצטיגע טעג גרייט מען זיך צו שטיין פאַר'ן גמר דין אין יום כיפור, איז נישט דאָ אַ מער וויכטיגערע זאך ווי דאָס, עכ"ד.

**און** כאָטש מיר פירן זיך נישט צו זאָגן סליחות אין שבת, אָבער על כל פנים, אין די וואָכן-טעג פון די עשרת ימי תשובה, דאַרף יעדער איד שפירן אַז ס'איז נישט דאָ אַ וויכטיגערע זאַך ווי דאָס[יד].

**די** גמרא זאָגט (זע ר"ה טז:) אַז תשובה, תפילה און צדקה זענען מבטל אַלע שלעכטע גזירות, ווי מיר זאָגן אין די ימים נוראים, 'ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה', וואָס דאָס איז 'צום', 'קול', 'ממון' (ווי אָנגעצייכענט אין די מחזורים פאַר די ימים נוראים).

**האָט** געזאָגט אויף דעם הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע (מאמרים לפסח, שיר השירים ב, יא), אויף דעם ענין פון 'צום' - פאַסטן, קען דער מענטש זיך פאַרענטפערן אַז ער איז נישט בכח צו פאַסטן תעניתים, צוליב זיין שוואַכקייט. אויך אויף 'ממון' - געלט, קען דער מענטש אַמאָל זיך פאַרענטפערן און זאָגן, דער אויבערשטער האָט מיר נישט געגעבן גענוג געלט צו קענען פאַרטיילן פאַר צדקה. אָבער אויף דעם ענין פון 'קול' - מתפלל זיין צום באַשעפער, אויף דעם האָט דער מענטש נישט קיין תירוץ... ממילא, אויב ער וועט אויפהייבן זיין קול און מתפלל זיין און שרייען צום אויבערשטען, ווייזט ער דאָך דערמיט קלאָר זיין צידקות, אַז ער האָט נישט געפאַסט ווייל ער איז שוואַך, און ער האָט נישט געטיילט צדקה ווייל ער האָט נישט קיין געלט. אָבער אויב דער מענטש לאָזט נאָך אויך אין דעם ענין פון 'קול', ווערט דאָך קלאָר למפרע, אַז ער האָט נישט קיין תירוץ, נישט אויף 'צום', און נישט אויף 'ממון'. ער איז סתם פויל.

---

**יד.** די גאונים האָבן מתקן געווען צוצולייגן אין די עשרת ימי תשובה, ביי די ברכה פון 'אבות' (די ערשטע ברכה פון תפילת שמונה עשרה), די בקשה 'זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים, וכתבנו בספר החיים, למענך אלקים חיים'. פרעגן די ספרים, די דריי ערשטע ברכות פון שמונה עשרה זענען דאָך נאָר אַ לויב פאַר'ן באַשעפער. ווי קומט דאָ אַריין צו בעטן בקשות אינמיטן דער ערשטער ברכה? (זע טור סי' תקפב).

קען מען זאָגן אַ כוונה דערין, לויט אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט ביי דעם גאון רבי יחזקאל אַבראַמסקי זצ"ל, מחבר פון ספר 'חזון יחזקאל', ווען ער איז געזעסן אויפ'ן כסא הרבנות אין לאָנדאָן. אַ איד פון שטאָט איז ליידער געוואָרן אַ יורד ל"ע, און ער איז כמעט אויסגעגאַנגען פון הונגער רח"ל. עס האָט געהאַלטן ביי אַ מצב פון 'פיקוח נפש'. האָט דער רב אַליין, רבי יחזקאל אַבראַמסקי, אַדורכגעפירט אַן 'אַפיל', ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די רייכע אידישע הייזער, כדי בייצושטייערן די עשירים אין שטאָט פאַר דעם צוועק.

פרייטאָג צו נאַכטס איז דער רב אַריבערגעגאַנגען צו אַן עושר אין הויז, און אים געבעטן אַ שיינע נדבה. אַן ערשטוינטער, האָט דער עושר געזאָגט צו הרב אַבראַמסקי: רבי, היינט איז דאָך שבת... זאָל דער רב קומען צו מיר נאָך שבת, און דעמאָלס וועל איך געבן מיין נדבה. האָט דער רב אים געזאָגט:

- ניין, כ'בין ספעציעל געקומען יעצט, אין דעם עצם טאָג פון שבת, כדי **דו זאָלסט פאַרשטיין די וויכטיגקייט** פון דעם צוועק, אַז ס'איז אַפילו דוחה שבת. און יעצט איז נישט קיין צייט צו שמועסן, נאָר 'קום ועשה'... (זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז נאָך שבת איז דער רב געקומען נעמען בפועל די נדבה).

לויט דעם קען מען זאָגן, אַז צוליב דעם בעטן מיר 'זכרנו לחיים', נישט אין דעם ריכטיגן אָרט און נישט לויט'ן סדר, **ווייל עס איז נישט 'נאָרמאַלע צייטן', וואָס מ'דאַרף אָנהאַלטן אַלע פונקטליכקייטן און מנהגים... ווייל די צייט ברענט ווי אַ פייער. ס'איז אַ מצב פון 'פיקוח נפש'. רבונו של עולם, זכרנו לחיים... ואם לא עכשיו, אימתי.**

**דאָס** איז מרומז אין פסוק (שה״ש ב, יד). 'השמיעיני את קולך כי קולך ערב'. דער 'קול' טוט האָפטן ('ערב'), אויף די אַנדערע צוויי זאַכן - 'צום', און 'קול'[טו].

מה לך נרדם - עשי״ת איז נישט די צייט צו שלאָפן

**אין** ספה״ק 'פלא יועץ' (ערך תשובה) ווערט שטאַרק אַרויסגעברענגט די גודל קדושת הזמן פון די יעצטיגע טעג, און ער שרייבט דאָרט, אַז אויך אויב במשך פון גאַנצן יאָר איז דער מענטש נאָכגעגאַנגען זיינע תאוות, און דער יצר הרע האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ טיפן שלאָף, אָבער ווען עס קומען די טעג פון רצון, דער חודש הרחמים און די עשרת ימי תשובה[טז], איז נישט די צייט צו שלאָפן[יז], ווייל 'מלך במשפט יעמיד ארץ'. עס נעמט אַרום אַ ציטער, און

---

**טו.** אויך האָט דער בעלזער רב הרה״ק מהר״ש זי״ע געזאָגט, יעדער איינער פון די דריי ווערטער, 'צום', 'קול', 'ממון', באַטרעפט 136, אַזוי ווי דאָס וואָרט 'קול'. צוויי מאָל 136 באַטרעפט 'ערב' (272), כדי אונז צו לערנען, **אַז בשעת הדחק העלפט דאָס שרייען מיטן קול, אַנשטאָט די צוויי אַנדערע זאַכן וואָס מ'איז נישט אימשטאַנד צו טוהן.**

**טז.** דער גאון רי״א דינר שליט״א האָט אַמאָל פאַרנדיג אויפ'ן אויטאָבוס, געהערט ווי אַ בחור וואָס איז געזעסן הינטער אים, האָט גערעדט אויפ'ן טעלעפאָן. אויף דער צווייטער זייט פונעם טעלעפאָן האָט יענער גערעדט באריכות. האָט דער בחור געזאָגט צו יענעם ער זאָל רעדן שנעלער, ווייל די באַטעריע ענדיגט זיך...

האָט הרב דינר געזאָגט, אַז אין די יעצטיגע טעג זאָגט אונז דער אויבערשטער, שנעלער, שנעלער, די באַטעריע ענדיגט זיך... נאָך אַביסל איז דער יום הדין - רעד זיך נישט איין אַז דו האָסט נאָך צייט... כביכול, אַלעס 'ענדיגט זיך'. עס קומט דער יום הדין, און מ'דאַרף זיך איינקויפן אַסאַך תורה ומצוות, כדי צו האָבן די גרויסע זכותים ווען עס קומט דער יום הדין.

**יז.** מ'דאַרף זען נישט צו זיין אַזוי ווי יענער בחור וואָס איז כסדר געשלאָפן בייטאָג און ביינאַכט. אַמאָל האָט דער ראש ישיבה אים באַגעגנט און אים געפרעגט, נו, צי ווייסטו שוין דעם ענטפער אויף די קשיא פון דעם 'רב החובל'... דער בחור, וואָס האָט נישט אָנגעהויבן וויסן וואָס מ'לערנט אין דער ישיבה, האָט געפרעגט דעם ראש ישיבה: וועגן וועלכע סוגיא רעדט דער ראש ישיבה?... האָט דער ראש ישיבה אים געענטפערט: דער 'רב החובל' האָט שוין געפרעגט יונה הנביא, 'מה לך נרדם, קום קרא אל אלקיך' - וואָס דרימלסטו? שטיי אויף און רוף צו דעם אויבערשטען... אפשר וועט ער דיך ערוועקן.

ס'איז באַקאַנט אַז דער צאַר ניקאָליי פלעגט פון צייט צו צייט טוישן זיינע קליידער, און זיך פאַרשטעלן ווי אַ פשוט'ער דאָרפסמאַן. אַזוי פלעגט ער זיך אַרומדרייען צווישן די מענטשן פון לאַנד, כדי צו הערן וואָס מענטשן רעדן, און וואָס עס איז זייער מיינונג וועגן אַלעם וואָס קומט פאָר אין לאַנד. אַמאָל אין אַן אָוונט האָט ער געזען אַסאַך מענטשן זיצן אין אַ קרעטשמע, און ער האָט פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס. צווישן אַנדערן האָט ער זיי געפרעגט: אויב איר וואָלט געהערט אַז דער קעניג זיצט דאָ נעבן אייך, וואָס וואָלט איר געבעטן פון אים?' האָט יעדער איינער פון זיי געענטפערט לויט זיינע השגות. איינער האָט געזאָגט, 'איך וואָלט געבעטן צו באַקומען אַ גרויסע הויז, אַ צווייטער, וואָלט געבעטן אַ גרויסע פעלד. אַ דריטער וואָלט געבעטן אַ ריזיגע סומע געלט...

נאָר איינער פון זיי האָט געזאָגט מיט גרינגשעצונג, 'וואָס האָט איר צו רעדן די אַלע נאַרישקייטן? דער קעניג איז דאָך נישט דאָ. זייט שטיל, לאָזט מיך במנוחה'... זיי האָבן נישט געוואוסט אַז דאָ שטייט פאַר זיי צאַר ניקאָלאַי אַליין.

אַ טאָג שפּעטער האָט יעדער איינער פון זיי באַקומען דורך אַ שליח פון דעם קעניגליכן הויף, אַלעס וואָס ער האָט געבעטן אַ טאָג פריער. איינער האָט באַקומען אַ הויז. אַ צווייטער האָט באַקומען אַ פעלד, און דער דריטער האָט באַקומען די גאַנצע סומע געלט וועגן וועלכער ער האָט נעכטן גערעדט... דער פערטער, אָבער, וואָס האָט נאָר געזוכט 'מנוחת הנפש', האָט באַקומען אַ בריוו אונטערגעשריבן פונעם קעניג, וואו ער שרייבט אַז מ'וועט אים לאָזן במנוחה, און דו וועסט גאָרנישט באַקומען פונעם צאַרישן אוצר...

קען מען זיך דען פאָרשטעלן און אפילו שילדערן אויפ'ן פאַפּיר דעם גרויסן צער פון דעם פערטן, וואָס ער האָט מיט זיינע ווערטער שאָדן געהאַט אזא גאלדענע געלעגנהייט.

לדידן ייאמר, די יעצטיגע טעג זענען גאָר געהויבן, דער אויבערשטער כביכול טוט זיך אַליין אָפּזוכן צו אונז, ווי דער פסוק זאָגט, 'דרשו ה' בהמצאו'. ממילא, דאַרפן מיר, אַלזאָ, זען אַז מיר זאָלן נישט זיין אַזוי ווי יענער שוטה וואָס האָט נישט געשפּירט אַז דער צאַר ניקאָלאַי געפינט זיך ממש לעבן אים. **מיט אַ בקשה פון טיפן האַרצן קענען**

מ'דאַרף זיך ערוועקן פון שלאָף[יח], ווייל עס איז טעג פון רצון, און די תפילה און תשובה ברענגען די ריכטיגע רעזולטאַטן[יט].

**דער** 'פלא יועץ' ברענגט דאָרט וואָס עס שרייבן די ספרים, אַז דער חילוק צווישן די עשרת ימי תשובה און די אַנדערע טעג, לגבי דעם ענין פון תשובה און תפלה, איז ממש אַזוי ווי דער חילוק צווישן לעבעטיגקייט און פינצטערניש. 'יפה שעה בתשובה ומעשים טובים בימים האלו, מימים שלימים בשאר הימים' - אפילו איין שעה פון תשובה און מעשים טובים אין די יעצטיגע טעג, איז בעסער פון גאַנצע טעג אין די אַנדערע טעג פון יאָר. און דערפאַר דאַרף מען אַכטונג געבן יעדע סעקונדע פון די יעצטיגע טעג[כ], עס זאָל נישט גיין לאיבוד[כא].

---

**מיר ממשיך זיין אויף זיך גאָר אַסאַך שפע. מ'קען צערייסן דעם גזר דין און עס איבערדרייען פון דין צו רחמים. דער מענטש וואָס זוכט יעצט 'מנוחה', איז נישט אַנדערש ווי אַ 'מאבד עצמו לדעת' רח"ל.**

אַוודאי גלייבן מיר אין די הייליגע ווערטער פון חז"ל, און מיר דאַרפן נישט אָנקומען צו 'באַווייזן' און 'ראיות' אַז ס'איז אַזוי, אָבער אויב עמיצער וועט טענה'ן אַז דאָס אַלעס איז געזאָגט געוואָרן נאָר פאַר 'גרויסע מענטשן', און נישט פאַר אַזעלכע פחותי ערך ווי מיר זענען, איז כדאי צו הערן די עדות פון אַ חשוב'ן תלמיד חכם פון ירושלים, וועלכער איז באַקאַנט אין 'חכמת היד', צו 'לייענען' וואָס עס שטייט געשריבן אויף די הענט פון די אידן וואָס ווענדן זיך צו אים (ער זאָל זיי אַנטפּלעקן די באַהעלטעניסן פון זייערע הענט), און ער זאָגט זיי וועגן זייער מזל, זייער מעמד ומצב אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דערצוקונפט, **אָבער אין די טעג צווישן ראש השנה און הושענא רבא, נעמט ער נישט אויף קיין מענטשן, ווייל ער זאָגט, אַז עס האָט נישט קיין שום זינען צו קוקן אויף די סימנים פון די הענט אין די יעצטיגע טעג, ווייל יעדן טאָג טוט זיך אַלעס טוישן בפועל ממש**, און די ענדערונגען דערקענען זיך אין די 'שירטוטים' (צייכנס) אויף די הענט, ווי עס זאָגן אַלע 'מבינים' אין חכמת היד.

זאָגט דער תלמיד חכם פון ירושלים, אַז אויב דער מענטש זאָל אין די הייליגע טעג אַריינלייגן יעדן טאָג זיין האַנט אין אַן 'עקסרעי' מאַשין, וועט ער אים קענען ווייזן אַז יעדן טאָג קומען פאָר גרויסע ענדערונגען, ווייל אַלעס וואָס עס פאַסירט מיט אים יעדן טאָג פונעם יאָר, ווערט באַשטימט אין די יעצטיגע טעג, און ער איז אימשטאַנד בטל צו מאַכן פון זיך אַלע שלעכטע און שווערע גזירות...

**יח.** דער הייליגער שינאַווער רב זי"ע פלעגט זאָגן, אַז כאָטש די יעצטיגע טעג זענען טעג פון דין און משפט, פונדעסטוועגן, שפירט ער אַ **התעוררות פון אהבה** אַזוי ווי אין די ימים טובים.

**יט.** על דרך צחות, אויב מ'זאָגט אַז 'לב יודע **מרת** נפשו', איז דאָך אַוודאי אַז 'לב יודע **מתיקות** נפשו' - ווי ווייט ער קען אָנקומען. אויב דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן אַ גאַנץ יאָר, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי אַז דאָס איז אַזוי אין די יעצטיגע געהויבענע און מסוגל'דיגע טעג.

**כ.** הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער זי"ע, האָט אמאל געפרעגט אַן עושר וואָס האָט געקויפט די עליה פון 'מפטיר יונה' יום כיפור ביי מנחה פאַר אַ טייערן פרייז, אויב ער ווייסט די חשיבות פון דער דאָזיגער הפטורה. האָט דער עושר געענטפערט בפשטות, ווייל אין דער הפטורה ווערט געשילדערט די גרויסע מעלה פון תשובה אַז ס'איז מבטל שלעכטע גזירות, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (יונה ג, י), 'וירא האלקים את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה, וינחם האלקים על הרעה אשר דבר לעשות להם'. האָט הרה"ק רבי מאיר'ל אים געזאָגט:

- נישט ריכטיג, דער עיקר ענין פון דער הפטורה איז, '**מה לך נרדם, קום קרא אל אלקיך**, אולי יתעשת האלקים לנו ולא נאבד' (יונה א, ו)...

**מן הבאר**

אַ איד האָט אַמאָל געפרעגט איינעם פון די גדולי הדור אין די ניין טעג צו ער מעג מאַכן אַ געוויסן מסחר, צוליב דעם ענין פון השתדלות. האָט דער גדול געשמייכלט, און אים געענטפערט:

**- די צייט פאַר השתדלות איז דען אין די ניין טעג? די צייט דערפאַר איז אין די 'עשרת ימי תשובה',** ווען דער מענטש באַקומט דעמאָלס זיין קצבה באַשטימט אויפ'ן גאַנצן יאָר. דעמאָלס דאַרף מען טוהן השתדלות, זאָגן תהלים, און בעטן דעם באַשעפער.

**דער** 'ערבי נחל' שרייבט (דרוש לשבת שובה, תקנ"ב) אַז אין חודש אלול, דאַרף מען לכה"פ איין אָדער צוויי-דריי טעג, זיך אָפּלאָזן פון אלע שטוב-זאַכן, און זיך באַשעפטיגן במשך פון גאַנצן מעת לעת מיט די געשעפטן פון די נשמה, און מתפלל זיין צו דעם אויבערשטן. און וויבאלד אַ גאַנץ יאָר איז מען דאָך טרוד, וועלן די יעצטיגע טעג גערעכנט ווערן גלייך ווי מען האָט אַ גאַנץ יאָר געלערנט און מקיים געווען מצוות. און כאָטש דער 'ערבי נחל' רעדט וועגן חודש אלול, איז דאָס זיכער אויך געזאָגט געוואָרן וועגן די עשרת ימי תשובה.

**דער** רבינו יונה ז"ל שרייבט אין 'שערי תשובה' (שער שני, אות יד), אַז יעדער ירא שמים כאַפּט אַ געוואלדיגע ציטער אין די עשרת ימי תשובה, ווייל ער ווייסט אַז אַלע זיינע מעשים ווערן פאַרשריבן אינעם ספר, און דעמאָלס ברענגט דער אויבערשטער צום משפט יעדע מעשה, גוט, אָדער שלעכט ח"ו, ווייל דער מענטש ווערט גע'משפט אין ראש השנה, און זיין גזר דין ווערט פאַרזיגלט אין יום כיפור.

**אויב** דער מענטש ווייסט אַז מ'ברענגט זיין משפט פאַר אַ קעניג אַ 'בשר ודם', ציטערט ער גאָר שטאַרק, און ער זוכט פאַרשידענע עצות. ס'וועט אים נישט איינפאַלן זיך צו ווענדן צו רעכטס אָדער צו לינקס, אָדער זיך באַשעפטיגן מיט זיינע אַנדערע ענינים. ער וועט נישט זוכן צו פאַרבעסערן זיינע פעלדער און ווייגערטנער, ער וועט זיך נישט נאָכלאָזן, נאָר ער וועט צולייגן אַ האַרץ זיך צו ראַטעווען פון די צרה.

**שרייבט** ער ווייטער, ממילא נאַריש זענען די מענטשן וואָס גייען אַרום אַרבעטן אין דער תקופה פון די ימים נוראים, טעג פון דין און משפט, און זיי ווייסן נישט וואָס זייער משפט וועט זיין. ס'איז ראוי פאַר יעדן ערליכן איד צו פאַרמינערן פון זיינע געשעפטן, און קובע זיין עתים ביום ובלילה זיך מתבודד צו זיין, און נאָכצוזוכן זיינע וועגן, און זיך באַשעפטיגן בלויז מיט תשובה, עכ"ל.

**צו** די ווערטער פון דעם 'שערי תשובה', גיט-צו דער 'ראשית חכמה' (אין זיין ספר 'תוצאות חיים', אות נ): און איך זאָג, אַז מ'זאָל נישט אַרבעטן קיין איין טאָג אין יענע טעג, נאָר וואָס מ'דאַרף האָבן בצמצום, ווייל די טעג זענען גאָר הייליג, און וויבאלד ס'איז דאָ אַ יום טוב פאַר זיי און נאָך זיי, דעריבער זענען די יעצטיגע טעג אַזוי ווי חול המועד!

**זעען** מיר פון דאָ, אַז אויך אויב אַ מענטש דאַרף יאָ אַרבעטן אין די יעצטיגע טעג פאַר פרנסה, דאַרף ער אָבער גוט געדענקען אין וואָס פאַרא טעג מיר געפינען זיך...

### מודה ועוזב - אַלע מקטרוגים פאַלן אַוועק ווען מען איז זיך מודה ומתוודה

**דער** פסוק זאָגט אין פרשת וילך (לא, יז-יח) 'וחרה אפי בו ביום ההוא ועזבתים והסתרתי פני מהם והיה לאכול, ומצאוהו רעות רבות וצרות, ואמר ביום ההוא על כי אין אלוקי בקרבי מצאוני הרעות האלה, ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא'.

**פרעגן** די ספרים, פאַרוואָס שטייט דער פסוק 'ואנכי הסתר אסתיר' נאָך דעם פסוק 'על כי אין אלוקי בקרבי מצאוני הרעות האלה'.

**ענטפערט** דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ('תורת משה', ד"ה 'ואמר על') אַז דער אויבערשטער זאָגט, 'והסתרתי פני מהם' - איך וועל מאַכן דעם הסתר פנים פאַר אידישע קינדער, און דורך דעם וועלן זיי זיך מתוודה זיין און תשובה טוהן (זיי וועלן זאגן 'ואמר ביום ההוא על כי אין אלוקי בקרבי'). און דורך דעם, 'ואנכי הסתר אסתיר פני' - וועל איך זיך קענען אוועקדרייען און נישט קוקן אויף זייערע עבירות!

---

הרה"ק ר' פנחס מקאריץ זי"ע האָט אַמאָל געהייסן **זאָגן פרשת המן יעדן טאָג פון די עשרת ימי תשובה.** אויך האָט מען אַסאַך מאָל געהערט ווי ער פלעגט אונז זאָגן **מ'זאל מתפלל זיין אויף פרנסה און אַנדערע הצטרכות'ן, און גלייבן אַז דער אויבערשטער וועט זיכער ערפילן אונזערע בקשות.** 'והיא מצוה רבה'. ('אמרי פנחס', אות תפד) **כא.** מ'האָט אַמאָל געפרעגט דעם גאון רבי חיים קניבסקי זצ"ל, פאַרוואָס ער פירט זיך יעדן טאָג אין די עשרת ימי תשובה, אויסצוזאָגן גאַנץ ספר תהלים. האָט רבי חיים געענטפערט, אַז דאָס טוט ער, ווייל **דאָס איז זיין אופן פון טוהן 'השתדלות' פאַר פרנסה...**

**דאָס** איז דערפאַר, ווייל דאָס אנערקענען און די הודאה אַז מ'האָט זיך טאַקע פאַרזינדיגט קעגן דעם אויבערשטען ברוך הוא, נעמט אַוועק די מדת הדין און אַלע שטראָפן[כב], און וויבאַלד זיי האָבן זיך מתוודה געווען אויף זייערע עבירות, און האָבן פאַרשטאַנען אַז די צרה האָט פּאַסירט מיט זיי צוליב דעם וואָס זיי זענען נישט געגאַנגען אין דעם באַשעפער'ס וועגן, וועלן זיי מעורר זיין די מדה פון רחמים אין הימל, ביז דער אויבערשטער וועט פאַרהוילן זיינע אויגן כביכול נישט צו זען זייערע עבירות.

**אַזוי** זאָגן מיר אויך אין דעם 'ווידוי הגדול' פון רבינו ניסים (אין 'יום כיפור קטן', ועוד), 'ומנהגך לרחם על בריותיך, וביותר לשבים אליך ומודים לפניך, ועוזבים ומתנחמים על פשעיהם ולא מכסים אותם' - דו פירסט זיך צו האָבן רחמנות אויף דיינע באַשעפענישן, און נאָך מער אויף די מענטשן וואָס טוהען תשובה פאַר דיר און זענען מודה צו דיר, און זיי לאָזן אָפּ און האָבן חרטה אויף זייערע עבירות, און זוכן נישט עס צו פאַרדעקן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (משלי כח, יג) 'מכסה פשעיו לא יצליח ומודה ועוזב ירוחם'[כג], און ער טוט זיך ראַטעווען פון דעם משפט פון גיהנום[כד].

**דער** רמב"ם ז"ל שרייבט (הלכות תשובה, פ"א, ה"א) אַז אַלע מצוות אין דער תורה, סיי אַ מצות עשה, סיי אַ מצות לא תעשה, אויב דער מענטש האָט עובר געווען אויף איינע פון די מצוות, סיי במזיד, סיי בשוגג, אויב ער וויל תשובה טוהן אויף זיין חטא, דאַרף ער

---

**כב.** דער גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זצ"ל האָט געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס האָט יסורים ח"ו און ער איז זיך דעמאָלס מתוודה אויף זיינע עבירות, וועלן די יסורים זיכער אַוועקגיין פון אים. אויך פלעגט ער זאָגן, אַז עס איז 'בדוק ומנוסה', אַז באַלד נאָך דעם ווי דער מענטש טוט תשובה און ער איז זיך מתוודה, ווערן נמתק די דינים און זיי ווערן איבערגעדרייט צו רחמים.

'בדידיה הוה עובדא'. טאַקע ביי דעם גאון רבי חיים וואָלאָזשינער האָט עס פּאַסירט, אַז ווען ער איז געפאָרן צו דער חתונה פון זיין זון, דער גאון רבי איצעלע זצ"ל, איז אינמיטן וועג געווען אַ מאָנטאָג, וואָס איז אַ 'יום הקריאה', ווען מ'לייענט אין דער ספר תורה, און רבי חיים האָט געבעטן אַז מ'זאָל ברענגען אַ ספר תורה פון אַ דערנעבנדיגן שטעטל, צו לייענען דערין. דאָרט איז אָבער אויך געווען נאָך אַ רב, וועלכער איז געווען עלטער פון רבי חיים וואָלאָזשינער, און יענער רב האָט געהאַלטן אַז מ'טאָר נישט מטלטל זיין און ברענגען די ספר תורה צו לייענען דערין. רבי חיים האָט אָנגענומען זיינע ווערטער, און ער האָט יענעם טאָג נישט געהערט לייענען.

ווען רבי חיים איז שפּעטער צוריקגעקומען אַהיים קיין וואָלאָזשין, איז גע'גנב'עט געוואָרן פון אים זיין ספר תורה, און רבי חיים האָט באַלד פאַרשטאַנען פאַרוואָס דאָס האָט פּאַסירט. ער איז אַריין אין אַ צווייטן צימער און זיך מתוודה געווען אויף דעם חטא פון נישט הערן לייענען, און זייענדיג דאָרט אין צווייטן צימער, האָט מען אים געלאָזט וויסן אַז מ'האָט געפונען די גניבה, און די גנבים זענען געווען נישט קיין אַנדערע ווי סאָלדאַטן פונעם קייסער. ווען מ'האָט שפּעטער געעפנט די ספר תורה, האָט מען געזען אַז עס פעלט דאָרטן איין יריעה. דאָס איז געווען פונקט אין דעם אָרט וואו מ'האָט פאַרפעלט צו לייענען ווען מ'איז געווען אויפ'ן וועג צו דער חתונה...

**כג.** הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין, האָט געהאַט אַ חסיד מיט'ן נאָמען רבי ירוחם. דער 'בית אהרן' פלעגט אים אָפּט מאָל צושיקן צום עמוד. אַמאָל האָט איינער פון די חסידים געזאָגט צו דעם 'בית אהרן', אַז ער וואָלט אויך געוואָלט אַמאָל צוגיין צום עמוד... 'הייליגע רבי, צו דען ווייל ער הייסט 'ירוחם', קומט אים צוצוגיין אַזוי פיל צום עמוד?' האָט דער חסיד געפרעגט. האָט דער 'בית אהרן' אים געענטפערט:

- **ווען דו וועסט זיין אַ 'מודה', און אויך אַן 'עוזב', וועסטו אויך הייסן 'ירוחם'...**

**כד.** הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע האָט געזאָגט אַ גרויסן יסוד, ביים בית דין של מעלה פרעגט מען נישט דעם מענטש פאַרוואָס ער איז נכשל געוואָרן מיט די עבירה, נאָר מ'האָט דאָרט בלויז איין טענה: **פאַרוואָס האָסטו נישט תשובה געטוהן.** אויף די דאָזיגע טענה, וועט דער מענטש נישט האָבן וואָס צו ענטפערן, ווייל וואָס האָט אים געשטערט צו האָבן חרטה על העבר און אַ קבלה על העתיד, צו פּרובירן פאַרריכטן זיינע וועגן פון יעצט און ווייטער?!

אַזוי זאָגט דער מדרש (במדב"ר פי"ג, ג) אַז איידער אדם הראשון איז פאַרטריבן געוואָרן פון גן עדן, האָט דער אויבערשטער אים געבעטן ער זאָל תשובה טוהן. ער האָט אים געזאָגט: אפילו יעצט, אויב דו וועסט נאָר תשובה טוהן, וועל איך אָננעמען דיין תשובה. און וויבאַלד אדם הראשון האָט נישט תשובה געטוהן, האָט מען אים פאַרטריבן פון גן עדן.

זיך מתוודה זיין[כה] פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא[כו], אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (במדבר ה, ו-ז) 'איש או אשה

---

די כוונה דערפון איז, ווי געזאָגט פריער, אַז אויף די עצם עבירה פון עסן פונעם עץ הדעת, האָט אדם הראשון נאָך געקענט האָבן אַ תירוץ, ווי ער אַליין האָט געזאָגט (בראשית ג, יב) 'האשה אשר נתתה עמדי היא נתנה לי מן העץ ואוכל'. **אָבער אויף די טענה פאַרוואָס ער האָט נישט תשובה געטוהן, אויף דעם האָט ער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, און צוליב דעם האָט ער באַקומען זיין שטראָף.**

**כה.** דאָס איז ספּעציעל געזאָגט געוואָרן יעצט, ווען מיר שטייען פאַר דעם הייליגן טאָג יום כיפור, ווען דער 'ווידוי' איז איינע פון די מצוות היום, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (יומא פז:) 'תנו רבנן, מצות ווידוי ערב יום הכיפורים עם חשכה', ווייל מ'קען נישט תשובה טוהן אָן זאָגן ווידוי.

ווען מ'גייט-צו זאָגן 'אשמנו', דאַרף מען זיך מתבונן זיין אין די ווערטער פון הרה"ק בעל 'ישמח משה' זי"ע, אַז ער האָט יונגערהייט געהערט פון 'מגידי אמת', אַז ווען מ'זאָגט ווידוי דאַרף מען געדענקען, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען דער מענטש איז אָנגעטוהן אין אַ 'קיטל' (תכריכים), און אַ טלית, און ער וועט זאָגן ווידוי (פאַר דעם בית דין של מעלה), אָבער דעמאָלס וועט מען נישט אָננעמען זיין תשובה, ווייל דעמאָלס פועל'ט שוין נישט דאָס זאָגן ווידוי, אָבער יעצט קען ער נאָך פאַרריכטן דורך דעם ווידוי, און דאָס וועט מאַכן אויף אים אַ רושם.

אויף אַן אַנדערן אופן האָט געזאָגט דער פּאָפּא'ער רב, הרה"ק בעל 'ויגד יעקב' זצ"ל, אַ וועג ווי אַזוי ס'איז ריכטיג פאַר דעם מענטש צו זאָגן ווידוי, ער זאָל זיך אָפּמאָלן פאַר זיינע אויגן אַז ער שטייט אינמיטן אַ וואַלד און רויבער זענען אים אַנטקעגן געקומען, און איינער פון די רויבער האָט שוין אַפילו אַרויסגענומען די שווערד פון איר שיידל, און ער בעט זיך ביי אים אַז ער זאָל אים נישט תיכף הרג'ענען נאָר ער זאָל צו וואַרטן אַ פּאָר מינוט, כדי ער זאָל קענען זאָגן ווידוי פאַר'ן שטאַרבן.

ווי געזאָגט פריער, **טאָר אָבער דער ווידוי נישט זיין מתוך עצבות חלילה**, ווי די וועלט זאָגט, אַז דערפאַר איז דאָ אַ ספּעציעלע תנועה וואָס מ'זינגט זיך אונטער ביים זאָגן ווידוי, כדי צו דערמאנענ אַז אויך אין אַזאַ צייט טאָר דער מענטש נישט זיין צופאַלייגט, נאָר אדרבה, ער זאָל עס טוהן מתוך שמחה און מיט אַ זיסן געזאַנג, ווי דער זאַלסאָוער חזן, הרה"ק רבי מרדכי זי"ע פלעגט זינגען ביי ווידוי, און איינמאָל האָט ער זיך אָנגערופן: **רבונו של עולם, אויב אידישע קינדער וואָלטן נישט געזינדיגט, וואו וואָלטן מיר גענומען אַזאַ זיסן 'אשמנו'...**

באמת, איז דאָס נישט סתם אַ מליצה, נאָר עס איז געבויט אויף אַ יסוד פון הייליגן רבי'ן ר' זושא זי"ע פון האַניפּאָלי, וועלכער פלעגט זאָגן, **אויב מיר וואָלטן נישט געזינדיגט, וואו וואָלט דער אויבערשטער גענומען אַזאַ שיינעם 'ונסלח'**, וואָס מ'זאָגט מיט אַ נעימה און השתפכות הנפש.

דער לימוד פון דעם איז פשוט און קלאָר, אַז **דער ווידוי דאַרף זיין מתוך שמחה של מצוה.**

> **מן הבאר**
>
> עס ווערט געברענגט (אין ספר 'סיפורי בעל שם טוב'), אַז דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע איז אַמאָל אָנגעקומען אין אַ שטאָט פאַר ראש השנה, און ער האָט געפרעגט די שטאָט-לייט וועגן די מנהגים פון זייער חזן, ביי די תפילות פון די ימים נוראים. האָבן די אידן פון שטאָט געזאָגט פאַר דעם בעל שם טוב, אַז דער חזן פירט זיך צו זאָגן 'על חטא', מיט אַ פרייליכן ניגון. האָט דער בעל שם טוב געבעטן מ'זאָל ברענגען צו אים דעם חזן, און ער האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער פירט זיך אַזוי. האָט דער חזן געענטפערט: דער קנעכט וואָס רייניגט דעם הויף אינעם קייסערליכן פּאַלאַץ פון אַלע שמוציגע וואַסערן, איז ער דען טרויעריג? ניין, אַדרבה, ער פרייט זיך אַז ער האָט זוכה געווען צו שטיין נאָנט צום קעניג, און אים צו באַדינען דורך רייניגן זיין קעניגליכן פּאַלאַץ. דערפאַר זינגט ער פרייליכע לידער ביים טוהן זיין אַרבעט. הערנדיג די ווערטער פונעם חזן, האָט דער בעל שם טוב אים געזאָגט:
>
> - אויב דו דאַווענסט מיט אַזאַ כוונה, יהיה חלקי עמך!

דער ערלויער רב, הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל הי"ד, האָט געזאָגט נאָך אַ טעם פאַרוואָס מ'דאַרף זאָגן ווידוי מיט אַ זיסן ניגון, ווייל דורך דעם וואָס דער מענטש טוט תשובה מאהבה, ווערן זיינע עבירות איבערגעדרייט צו זכויות,

כי יעשו וגו' והתודו את חטאתם אשר עשו', דאָס מיינט מען ווידוי דברים, און דאָס איז אַ מצות עשה[כז].

**דער** 'ראשית חכמה' זאָגט, פאַרוואָס האָבן חז"ל מתקן געווען דעם סדר פון ווידוי לויט דעם סדר פון די אותיות פון אל"ף-בי"ת, ווייל די חכמי הקבלה האָבן געשריבן, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן מיט די 22 אותיות פון דער תורה, און צוליב דעם, ווען אַ איד ווערט נתעורר תשובה צו טוהן צו דעם באַשעפער, און ער וויל פאַררעכטן דעם פגם דורך תשובה, דאַרף ער זיך מתוודה זיין מיט דעם ווידוי וואָס איז באַזירט אויף די אותיות פון א' ב'.

**דער** 'ראשית חכמה' איז מוסיף, אַז פונדעסטוועגן, טוט מען פריער זאָגן 'חטאנו', כאָטש דאָס וואָרט פאַנגט זיך אָן מיט'ן אות ח', ווייל דאָס וואָרט 'חטאנו' פעלט אויס פאַר אַלעם, וויבאַלד ווען דער מענטש זאָגט 'חטאתי' - איך האָב געזינדיגט - טוט ער אַראָפּנעמען פון זיך דעם יצר הרע און זיינע קיטרוגים[כח], און דאַן איז ער כשר צו זאָגן דעם ווידוי, אָן דעם וואָס דער שטן זאָל מקטרג זיין ח"ו אויף אים אויבן אין הימל[כט].

**דער** הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע זאָגט, אין 'ליקוטי שושנה' (ד"ה 'שאו מנחה'), אַז דער פסוק לערנט אונז אַז מ'דאַרף זיך מתוודה זיין אויף א וועג אַז מיר

---

און ממילא, איז עס פאַר אים אַ גרויסע שמחה ווען ער טוט תשובה, ווייל ער טוט דאָך פאַרמערן זיינע זכותים.

נאָך אַ טעם, האָט דער ערלויער רב זצ"ל געזאָגט, ווייל דאָס **זאָגן ווידוי איז דאָך אַ מצות עשה מן התורה**, און אַ מצוה דאַרף מען טוהן מיט שמחה...

**כו.** מ'פירט זיך צו קלאַפּן מיט'ן פויסט אויפ'ן האַרץ ווען מ'זאָגט 'אשמנו בגדנו' וכו'. זאָגט אויף דעם דער גאון רבי חיים ברבי בצלאל מפרידבערג זצ"ל (אַ ברודער פונעם גאון מהר"ל מפראג זצ"ל), אין 'אגרת הטיול' (חלק הרמז, אות יט), על דרך הלצה, אַ טעם פאַרוואָס מ'קלאַפּט דווקא מיט'ן פויסט ביים זאָגן ווידוי, ווייל דער פסוק זאָגט (דברים יז, ז) 'יד העדים תהיה בו בראשונה', און דער 'ספרי' זאָגט (פ' האזינו, סי' שז) אַז ווען דער מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט, קומען אַלע זיינע מעשים און זיי ווערן פאַרגעשטעלט פאַר אים, און מ'זאָגט אים, אַזוי האָסטו געטוהן יענעם טאָג, און דער מענטש באַשטעטיגט, יאָ, איך האָב אַזוי געטוהן, און דער מלאך באַפעלט אים אונטערצושרייבן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (איוב לז, ז) 'יד כל אדם יחתום'. קומט אויס, אַז די האַנט פון מענטש איז דער עדות אויף זיין חטא, און וועגן דעם דאַרף מען קלאַפּן מיט'ן פויסט אויפ'ן האַרץ, כדי **די האַנט זאָל מוסר'ן דעם מענטש.**

**כז.** דער 'משך חכמה' (דברים לא, יז) ברענגט אַ ראיה אַז **דער עיקר מצוה פון תשובה איז דאָס זאָגן ווידוי**, ווייל מ'קען נישט זאָגן אַז דער עיקר פון תשובה איז דאָס אָפּלאָזן די עבירה, ווייל אפילו אויב מ'טוט נישט תשובה, טאר מען נישט זינדיגן פון יעצט און ווייטער. ממילא, וואָס וועט אים העלפן זיין תשובה, מיט דעם וואָס ער נעמט אויף זיך אַ זאַך וואָס מ'האָט אים שוין באַשוואוירן דערויף ביים באַרג סיני. דער עיקר פון תשובה איז דעריבער דאָס זאָגן ווידוי פון טיפן האַרצן אויף אַלע עבירות.

**כח.** וועגן דעם ענין פון מחילת עוונות, שרייבט דער גאון מהר"ל מפראַג זצ"ל ('נתיבות עולם', נתיב התשובה, פ"א) אַ משל, ראובן האָט געטוהן אַן עוולה קעגן שמעון, און שמעון האָט מיט רעכט תרעומות קעגן ראובן, אַז ער האָט זיך נישט שיין אויפגעפירט צו אים. פונדעסטוועגן, אויב ראובן וועט קומען און פאַלן פאַר זיינע פיס און וויינען אַז ער זאָל אים מוחל זיין, און שמעון וועט דערקענען אַז ער מיינט עס ערנסט, און ער האָט באמת חרטה אויף זיין עוולה, וועט שמעון אַוודאי נישט זיין אַן אכזר, און ער וועט זיך לאָזן איבערבעטן, און מוחל זיין פאַר ראובן די עוולה וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן אים.

**איז דאָך אַוודאי און אַוודאי אַז אַ מענטש, אַ 'בשר ודם', וואָס אנערקענט זיין עבירה און ער בעט דעם באַשעפער, דער גרויסער בעל הרחמים, אַז ער זאָל אים מוחל זיין, ווערט זיין בקשה אַוודאי אָנגענומען אין הימל.**

דער מהר"ל איז מוסיף, אַז פונקט אַזוי ווי אַ מענטש בעט איבער זיין חבר ווען ער שטייט נאָנט צו אים, אַזוי איז אויך **דער וואָס זאָגט ווידוי, און ער בעט דעם אויבערשטען אַז ער זאָל אים מוחל זיין די עבירה, שטייט ער נאָנט צו דעם אויבערשטען כביכול**, און ממילא, קענען די מקטרגים נישט רעדן שלעכטס קעגן אים, ווייל דער באַשעפער שיצט אים אין יענער צייט, און ס'איז נישט דאָ אַ בעסערע שיצונג פון דעם.

**כט.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, איינער האָט געבאָרגט געלט פון זיין חבר. ווען דער מלוה קומט איינמאָנען דעם חוב, אויב דער לוה וועט אים אָפּשטופּן און זאָגן ער זאָל צוּוואַרטן אַ טאָג

זענען זיכער אינעם רחמנות פונעם אויבערשטען, אַז ער וועט רחמנות האָבן אויף אונז און ער וועט אונז מוחל זיין אַלע אונזערע עבירות, אָבער נישט מיט עצבות, ווייל דאַן, ווען דער מענטש זאָגט אַרויס זיינע חטאים און ער איז מעורר דינים אויף זיך ח"ו, נאָר מיט גרויס בטחון[ל].

יעזוב רשע דרכו - תשובה מיינט בעיקר, אַ קבלה אויפ'ן עתיד

דער נביא זאָגט (ישעיה נה, ז) 'יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו[לא], וישוב אל ה' וירחמהו' וגו'. דאָס מיינט, אַז דער עיקר תכלית פון תשובה איז צו זיין אַ 'מודה ועוזב', מיט אַ גוטע קבלה פאַר'ן עתיד[לב],

---

אָדער צוויי, אַ וואָך אָדער צוויי, וועט ער זיכער צוואוואַרטן פאַר אים מיט'ן חוב. אָבער אויב דער לוה וועט לייקענען און זאָגן 'לא היו דברים מעולם', עס הייבט זיך גאָרנישט אָן... וועט דער מלוה אים באַלד רופן צום בית דין פאַר אַ דין תורה, פאַר לייקענען דעם חוב.

דאָס איז די כוונה פון פסוק (ירמיה ב, לב) 'הנני נשפט אותך על אמרך לא חטאתי'. אויב דער מענטש זאָגט, איך האָב נישט געזינדיגט, ברענגט מען אים באַלד צום משפט פאַר דעם באַשעפער, אָבער אויב דער מענטש איז מודה אַז ער האָט געטוהן די עבירה, זאָגט אויף אים שלמה המלך ע"ה, 'ומודה ועוזב ירוחם'.

**ל.** מיר זאָגן אין די סליחות, 'וסלחת לעוני כי רב הוא'. פרעגן די מפרשים, וואָס פאַראַ נתינת טעם איז דאָס, אַז וויבאַלד מיר האָבן אַסאַך געזינדיגט, דאַרף דער באַשעפער אונז מוחל זיין אונזערע עבירות?! אדרבה, דאָס איז דאָך לכאורה אַ סיבה אויף פאַרקערט.

ענטפערט דער גאון בעל 'בן איש חי' זצ"ל (אין זיין ספר 'עוד יוסף חי', דברים, ועוד), על דרך צחות, ווייל אין דער גמרא (ב"ק עה.) איז דאָ אַ מחלוקת צווישן די אמוראים רב און שמואל, וועגן איינער וואָס איז אַ 'מודה בקנס ואחר כך באו עדים'. ער האָט מודה געווען אין אַ 'קנס' (אַזוי ווי 'כפל', א.ד.ג.), און דערנאָך קומען עדים און זאָגן אַז ער איז שולדיג, זאָגט רב אַז ער איז פטור, ווייל ער האָט דאָך מודה געווען איידער די עדים זענען אָנגעקומען, אָבער שמואל האַלט אַז ער איז חייב, ווייל סוף כל סוף, דאַרפן מיר נישט אָנקומען צו זיין הודאה, מ'קען אים מחייב זיין לויט די עדות פון די עדים וואָס זענען שפּעטער אָנגעקומען אין בית דין. די הלכה בלייבט ווי רב, אַז ער איז פטור.

אויף דעם זאָגן מיר, **'וסלחת לעוני', וויבאַלד מיר זענען מודה אַז מיר האָבן געזינדיגט...** איי, וועסטו זאָגן, עס זענען דאָך דאָ 'עדים' וואָס זאָגן עדות אויף אונזער עבירה (די מקטרגים ח"ו), אויף דעם זאָגן מיר, **'כי רב הוא' - מיר פסק'ענען די הלכה אַזוי ווי רב**, אַז 'מודה בקנס ואחר כך באו עדים פטור', און ממילא קומט עס אַז אויב דער מענטש איז מודה, זאָל ביי אים מקוים ווערן 'ומודה ועוזב ירוחם'...

אגב, הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע האָט געזאָגט בדרך מליצה, אויף די ווערטער 'וסלחת לעוני כי רב הוא', ווייל די גמרא זאָגט (יומא סד.) 'בעלי חיים אינן נדחין'. דאָס מיינט, אַ בהמה וואָס מ'האָט עס מקדיש געווען פאַר אַ קרבן, און ווען עס האָט נאָך געלעבט איז די בהמה געוואָרן אָפּגעשטופּט צוליב אַ פסול, א.ד.ג., אָבער שפּעטער האָט דער פסול זיך אָפּגעטוהן, ווערט די בהמה צוריק כשר, און מ'קען עס מקריב זיין. אויף דעם זאָגן מיר, 'וסלחת לעוני **כי רב** הוא', וויבאַלד די הלכה בלייבט אַזוי ווי רב אַז 'בעלי חיים אינם נדחין'.

דאָס אַ גרויסער יסוד און חיזוק פאַר אַלע פון אונז וואָס דאַרפן זיך כסדר מחזיק זיין אין דער ענין פון תשובה, **אַז דער וואָס 'לעבט', ווערט קיינמאָל נישט אַוועקגעשטופּט ח"ו פון צו קענען תשובה טוהן און באַוויליגט ווערן פאַר דעם אויבערשטען**, אַזוי ווי מיר זאָגן אין די תפילות פון די ימים נוראים, 'ועד יום מותו תחכה לו, אם ישוב מיד תקבלו'.

**לא.** דער 'שפתי צדיק' ברענגט אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז ער האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע, **'יעזוב רשע דרכו'** - ער זאָל אָפּלאָזן זיינע געדאַנקען אַז ער איז געוואָרן אַ 'רשע' ח"ו. **'ואיש און מחשבותיו'** - ער זאָל אָפּלאָזן זיינע מחשבות וואָס ער טראַכט אַז ער איז אַן 'איש און'.

האָט אויף דעם געזאָגט הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, דער משגיח פון ישיבת 'חידושי הרי"ם' אין תל אביב, על דרך משל, אַ פאַסטוך וואָס פירט די שעפּעלעך אין וואַלד, האָט פּלוצלינג געזען אַ וואָלף וואָס קומט פאַרציקן די שעפּסעלעך. האָט דער פאַסטוך זיך גענומען מיט 'מסירות נפש' נאָכלויפן דעם וואָלף. דער וואָלף האָט אָבער געענוג כח צו אַנטלויפן, און ער איז געלאָפן שנעלער, אַזוי אַז דער פאַסטוך האָט אים נישט געקענט כאַפּן... ביז ער האָט ענדליך יאָ באַוויזן אָנצוכאַפּן דעם וואָלף ביים ווידל. דער וואָלף איז אָבער אַלץ געלאָפן ווייטער, אַזוי אַז

עס קומט אויס, אַז דער וואָלף לויפט, און דער פּאַסטוך כאַפּט אָן שטאַרק זיין ווידל, און ווערט נאָכגעשלעפּט נאָך אים, ביז אַ מצב פון סכנת נפשות... אַזוי זענען זיי אַריינגעקומען צוזאַמען אין שטאָט.

ווען די שטאָט-לייט האָבן געזען די דאָזיגע מראה, האָבן זיי זיך צעלאַכט, האָט דער פּאַסטוך געשריגן מיט אַלע כוחות: האָט רחמנות, און ראַטעוועט מיך פונעם וואָלף... האָט אַ קלוגער איד געשריגן צום פּאַסטוך: **'לאָז אָפּ דיין האַנט פון זיין ווידל, וועסטו געראַטעוועט ווערן'...**

דאָס זעלבע זאָגט מען צו יעדן איד, אין וועלכן מצב ער זאָל זיך נאָר נישט געפינען, **לאָז נאָך פונעם 'ווידל'...** פאַרוואָס מאַכסטו פון דיין פירונג, אַ 'וועג' און אַ 'מהלך'? דו האַלטסט עס אָן מיט אַלע כוחות, און דו קענסט זיך נישט באַפרייען דערפון. ווער האָט דיר איינגערעדט אַז דו דאַרפסט זיך אַזוי פירן? ס'איז נישט מער ווי אַ שלעכטע געוואוינהייט. לאָז אָפּ די דאָזיגע געוואוינהייט, וועט דיר ווערן בעסער...

דער גאון רבי מרדכי פּאָגראַמאַנסקי זצ"ל האָט געזאָגט אַ משל, צוויי ברידער, קליינע קינדער, האָבן זיך געשפּילט. איינער פון זיי איז געווען דער 'בעל עגלה', און דער צווייטער איז געווען דאָס 'פערדל'. דער בעל עגלה האָט געפירט דעם פערד...

פּלוצלינג האָט אָנגעהויבן שטאַרק רעגענען, האָט דער 'בעל עגלה' נאָכגעלאָזט די לייצן, און איז שנעל אַריינגעלאָפן אין הויז. ווען די מאמע האָט געזען אַז נאָר איין קינד איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט זי זיך געזאָרגט וואָס האָט פּאַסירט מיט איר אַנדערן קינד, פאַרוואָס איז ער נישט אַהיימגעקומען. איז זי שנעל אַרויסגעלאָפן אויפ'ן גאַס, און געזען ווי איר קינד שטייט איינגעבויגן, און ווערט אַדורכגעווייקט פונעם רעגן. האָט די מאמע געפרעגט דאָס קינד פאַרוואָס ער שטייט אינדרויסן, עס רעגנט דאָך. האָט דאָס יונגל געענטפערט, ווי אַזוי קען איך אַריינקומען אין הויז, איך בין דאָך אַ פערד...

## מן הבאר

דער 'בית אברהם' ברענגט (פ' נח, ד"ה 'וישלח'), אין נאָמען פון זיין טאַטן, דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע, ס'איז דאָ אַ חיה וואָס ווערט אָנגערופן 'ביבער', און זי פירט זיך, אַז ווען זי גייט אויפ'ן וועג, קומט זי שפּעטער צוריק אויף דעם זעלבן וועג ממש, אַזוי אַז ווען מ'וויל איר פאַנגען, קוקט מען איר נאָך אויפ'ן וועג אַהין, און מ'טוט צוגרייטן אַ נעץ אויף יענעם וועג, כדי מ'זאָל איר קענען פאַנגען ווען זי וועט צוריקקומען. דערנאָך, ווען דער 'ביבער' קומט צוריק און זעט די נעץ אַז זי גייט געפאַנגען ווערן נעמט זי זיך וויינען מיט יאָמערליכע קולות. עס פאַלט איר אָבער נישט איין צו טוישן איר וועג, צוריקצוגיין אויף אַן אַנדערן וועג. זי פאַלט אַזוי אַריין אין דער נעץ וויינענדיג...

אָט אַזוי זעט אויס דער מענטש וואָס ער מיינט אַז ער 'מוז' גיין אויף אַ געוויסן וועג. כאָטש ער זעט זיין גרויסן בראָך, און ער 'וויינט', האַלט ער זיך אָבער נישט צוריק, און ער פאַלט ווייטער אַריין אין זעלבן גרוב. זאָגט מען אים, גיי אַרויס פון דיינע 'שגיונות'. דו דאַרפסט באַשליסן ביי דיר אַז דו ביזט נישט 'מחויב' צו גיין אַהין אויף יענעם אָרט... גיי אויף אַן אַנדערן וועג - אַ גוטן וועג - און אַזוי וועסטו ווערן געראַטעוועט פון אַריינפאַלן אין אַ פּאַסטקע...

אויף דעם זאָגט דוד המלך ע"ה, 'אל תהיו כסוס כפרד אין הבין'... מיר האַלטן יעצט אינמיטן די עשרת ימי תשובה, און דער מענטש זאָגט, איך קען נישט אַריינגיין, ווייל איך בין אַ 'פערד'... איך קען נישט איבערלאָזן מיין וועג און זיך טוישן צום גוטן... **ווער האָט דיר אויסגעזאָגט דעם 'סוד', אַז דו ביזט אַ פערד... און ווער צווינגט דיך ווייטער אָנצוגיין אַלס אַ 'פערד'... לאָז נאָך פון דיינע שלעכטע געוואוינהייטן.** עפן דיינע אויגן, וועסטו זען **אַז אויף דיר האָט דער אויבערשטער געזאָגט 'נעשה אדם', און אַז דו ביזט אימשטאַנד אין אַ סעקונדע ממש, אָנצוקומען צו די העכסטע מדריגות און מעלות.**

ס'איז באַקאַנט, אַז אָפּצוהיטן אַ עלעפאַנט אַז ער זאָל נישט אַנטלויפן, איז גענוג פאַר דעם אַ דין שטריקל. כאָטש דער עלעפאַנט איז גענוג שטאַרק צו צערייסן דעם שטריק אין אַ סעקונדע, איז עס אָבער אַ גוטע היטונג... די סיבה דערפון איז, וויבאַלד ווען דער עלעפאַנט איז געווען אַ טאָג אַלט, איז געווען גענוג אים צוצובינדן מיט אַ דינעם שטריקל, און דעמאָלס איז אים נישט געלונגען זיך צו באַפרייען פונעם שטריקל. ממילא, האָט דער עלעפאַנט

און מיט אָפּלאָזן די שלעכטע געוואוינהייטן וואָס מ'איז געווען געוואוינט מיט זיי ביז יעצט[לג].

הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט, דאָרט וואו די מחשבה פונעם מענטש געפינט זיך, דאָרט געפינט זיך דער מענטש מיט זיין גאַנצן נפש. קומט אויס אַז ווען דער מענטש טראַכט וועגן דער פארגאנגענהייט, איז ער אינעם שלעכטן ח"ו[לד], און ער וועט אַוודאי נישט תשובה טוהן, ווייל זיין מח וועט

---

אָפּגעמאַכט **ביי זיך אין מח**, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט קענען באַפרייען פונעם שטריק... ער פּרובירט אַלזאָ נישט אַפילו איין מאָל צו טראַכטן, אַז אפשר יעצט, אַז איך בין שוין גרעסער און איך טראָג שווערע משאות, קען איך מיך שוין באַפרייען פון דעם דינעם שטריקל...

**דאָס זעלבע דאַרפן מיר וויסן, 'מותר האדם מן הבהמה', צו פאַרשטיין אַז אויב מ'האָט שוין פרובירט אַמאָל זיך שטאַרקן קעגן דעם יצר הרע און ס'איז נישט געלונגען, וועט מען דען צוליב דעם אויך יעצט זיך נישט קענען באַפרייען פון אים? ס'איז דאָך מעגליך אַז היינט האָסטו פיל שטאַרקערע כוחות, און ער וועסטו קענען באַזיגן דעם יצר הרע.**

**לב.** עס איז באַקאַנט, אַ איד איז אַמאָל געשטאַנען און געקלאַפּט אויף זיין האַרץ ביים זאָגן ווידוי. האָט אַ צווייטער אים געזאָגט: וואָס קלאַפּסטו, דער בעה"ב איז נישט אינדערהיים... אזוי איז עס אויב מ'מיינט עס נישט ערנסט מיט זאָגן ווידוי, און ממילא, איז אַ שאָד צו קלאַפּן אומזיסט, נאָר **מ'דאַרף נעמען אויף זיך פאַר'ן עתיד**, און דאַן וועט אויך דאָס האַרץ צוריקקומען אין זיין רשות.

אַזוי האָט געזאָגט דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, אַז **אנשטאט צו קלאַפּן מיט דער האַנט אויפ'ן האַרץ נאָך די עבירה**, זאָל דער מענטש **בעסער קלאַפּן מיט'ן האַרץ אויף די האַנט פאַר די עבירה**, אַז דער קאָפּ זאָל געוועלטיגן אויפ'ן האַרץ, און ער זאָל נישט צולאָזן זיינע איברים צו טוהן אַ זאַך קעגן דעם אויבערשטען'ס רצון.

הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, אַ דאָרפסמאַן איז אַריינגעפאָרן אויף אַ באַזוך אין שטאָט, און פּלוצלינג זעט ער עס האָט אויסגעבראָכן אַ פייער און מענטשן האָבן געשריגן 'ראַטעוועט'... עס בושעוועט אַ פייער! באַלד זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אַלע שטאָט-לייט מיט עמערס וואַסער און געלאָשן דאָס פייער.

ווען דער דאָרפסמאַן איז צוריקגעקומען אַהיים אין דאָרף, האָט ער דערציילט מיט באַגייסטערונג פאַר די אַנדערע דאָרפסלייט, אַז ער האָט געזען אַ וואונדערליכע זאַך אין שטאָט, אַז מ'שרייט, און דאָס פייער לעשט זיך אויס... האָבן די דאָרפסלייט זיך אַוועקגעזעצט, און אָפּגעשמועסט אויך זיך אַזוי צו איינפירן ביי זיי אין דאָרף... שפּעטער, ווען עס האָט אויסגעבראָכן אַ פייער אין דאָרף, האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט שרייען... זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז זייערע געשרייען האָבן גאָרנישט געהאָלפן... זענען זיי צוריקגעקומען אין איילעניש צו די שטאָט-לייט און זיך אָפּגערעדט פאַר זיי, היתכן, פאַר אייך האָט יאָ געאַרבעט די 'סגולה'... האָבן די שטאָט-לייט זיי ערקלערט, אַז **דער תכלית איז נישט דאָס שרייען, נאָר דאָס טוהן...** דער געשריי איז נישט מער ווי אַן עצה צוזאַמענצורופן די מענטשן און אויסלעשן דאָס פייער.

דער נמשל איז, דאָס זעלבע איז מיט תשובה. **דער עיקר פון די תשובה איז נישט דאָס חרטה האָבן און שרייען, נאָר די התעוררות צו טוישן די מעשים פון יעצט און ווייטער.**

**לג.** דער מדרש זאָגט (ויק"ר פכ"ה, א) רב הונא זאָגט, אויב דער מענטש איז נכשל געוואָרן מיט אַן עבירה, איז ער חייב מיתה בידי שמים. וואָס זאָל ער טוהן אַז ער זאָל לעבן? אויב ער איז געווען געוואוינט צו לערנען איין בלאַט גמרא, זאָל ער לערנען צוויי בלעטער, און אויב ער איז געווען געוואוינט צו לערנען איין פרק משניות, זאָל ער לערנען צוויי פרקים. זאָגן די ספרים, ווייל **דער גאַנצער מהות פון תשובה איז צו צעברעכן די פריערדיגע געוואוינהייטן**, יעזוב רשע דרכו, און ער זאָל טוישן זיינע וועגן. דעריבער, אויב ער איז געווען געוואוינט צו לערנען איין בלאַט טעגליך, זאָל ער טוישן זיין געוואוינהייט און אָנהייבן לערנען יעדן טאָג פון יעצט און ווייטער, צוויי בלעטער.

**לד.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'משמיע שלום', אַז הרה"ק רבי שלום שכנא זי"ע פון פּראָבישט (דער פאָטער פון הייליגן רוזינער זי"ע) האָט געזאָגט, איינער איז געגאַנגען אין וועג און איז אַריינגעפאַלן אין בלאָטע, אויב ער וועט אָנהייבן באַלד אָפּצורייניגן זיך און זיינע קליידער, איז נישט נאָר וועט ער זיך נישט קענען רייניגן די קליידער, נאָר די בלאָטע וועט זיך נאָך מער אויסשפרייטן אויפ'ן קלייד, און עס וועט ווערן נאָך מער פאַרשמירט. די איינציגע עצה פאַר אים איז, ער זאָל **ווייטער פאָרזעצן אויפ'ן וועג כאילו לא היה**, און שפּעטער, ווען די בלאָטע וועט זיך

ווערן מגושם און עס וועט גורם זיין צו אַ טמטום הלב און ער קען אַריינפאַלן אין עצבות חלילה.

**זאָגט** דער 'חידושי הרי"ם' ווייטער, **אַזאַ געדאַנק איז ערגער ווי דער עצם חטא**, ווייל ווען דער מענטש טראַכט וועגן דעם 'סור מרע', און וועגן זיין 'בלאָטע', וועט ער בלייבן אַ שטיק בלאָטע... יאָ געזינדיגט, נישט געזינדיגט, וואָס האָט דער אויבערשטער פון דעם (וואָס דו טראַכטסט אַזוי פיל דערפון). אין דער צייט וואָס דער מענטש טראַכט דערפון, קען ער דאָך דערווייל גראָבן דיאַמאַנטן שטיינער, און עס זאָל עפּעס אַרויסקומען

---

אויסטריקענען, קען ער מיט איין שאָקל אָפּשאָקלען די גאַנצע בלאָטע און ס'וועט אַראָפּפאַלן פון זיין קלייד אָן שטערונגען.

דאָס זעלבע איז מיט אַ מענטש וואָס 'פּאַטשקעט' זיך צופיל מיט'ן 'סור מרע' - ער טראַכט כסדר פון זיין נישט-גוטן עבר, איז נישט נאָר וואָס ער קען זיך נישט רייניגן פון דעם 'שמוץ', נאָר עס הערשט אַ געפאַר אַז ער זאָל ווערן נאָך מער פאַרשמירט. די איינציגע תקנה פאַר אים איז, ער זאָל **זיך בכלל נישט רעכענען מיט זיין עבר, און נישט עוסק זיין אינעם 'סור מרע', נאָר ער זאָל גיין זיין וועג**, לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, גלייך ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט, און מיט דער צייט, ווען די בלאָטע וועט זיך 'אָפּטריקענען', קען ער מיט איין 'שאָקל' מיט אַ ריכטיגן הרהור תשובה, קען ער זיך אָפּרייניגן, און עס וועט אַראָפּפאַלן דאָס גאַנצע שלעכטס.

אַזוי זאָגן די ספרים אויך אויף די ווערטער פון חז"ל (פסחים ק.) 'פורס מפה, ומקדש'. **מ'זאָל אויסשפּרייטן אַ 'טישטוך' אויפ'ן עבר, מאַכן אַ הפסק צווישן דעם הוה מיט'ן עבר, און דאַן קען מען זיך הייליגן** ('ומקדש').

ענליך האָט געזאָגט הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, משגיח פון דער ישיבה 'חידושי הרי"ם' אין תל אביב, אַ משל צו אַ מענטש וואָס זיינע קליידער זענען פאַרשמירט געוואָרן מיט אַש, וואָס אויב ער וועט אָנהייבן זיך אָפּרייניגן דורך רייבן די קליידער, איז נישט נאָר וועט ער עס נישט קענען רייניגן, נאָר די קליידער וועלן ווערן נאָך מער שמוציג. די איינציגע עצה פאַר אים איז, ער זאָל בלאָזן מיט'ן מויל אויפ'ן אַש, און מיט איין בלאָז, וועט דאָס גאַנצע אַש אַראָפּפליען.

לדידן ייאמר, דער וואָס שפּירט אַז זיי נשמה איז ליידער פאַרשמירט געוואָרן מיט עבירות, זאָל ער נישט 'רייבן' און טראַכטן כסדר וועגן זיין נישט גוטן עבר, אַז ער איז געשטרויכלט געוואָרן מיט דער עבירה און מיט יענעם חטא, נאָר ער זאָל **געבן איין 'בלאָז' מיט'ן מויל אויפ'ן גאַנצן 'עבר'**, און דאַן וועט ער זען אַז זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, איז אַזוי ווי 'אַש' וואָס צעשפּרייט זיך און פליט אַוועק אויף אַלע זייטן, און **פון יעצט און ווייטער, קען ער אָנהייבן דינען דעם אויבערשטען ווי אַ ניי-געבוירענער מענטש.**

דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הלכות תשובה פ"ג, ה"ד) אַז כאָטש תקיעת שופר אין ראש השנה איז אַ גזירת הכתוב, האָט עס אָבער אַ רמז, 'עורו ישנים משינתכם, ונרדמים הקיצו מתרדמתכם, וחפשו במעשיכם וחזרו בתשובה' וכו'. **די שלאָפענדיגע מענטשן זאָלן זיך אויפוועקן פון זייער טיפן שלאָף**, און תשובה טוהן, אומקערן זיך צום באַשעפער.

דאַרף מען פאַרשטיין, אויב דער רמב"ם האָט געוואָלט ערקלערן אַז דער תכלית פון תקיעת שופר איז מעורר צו זיין דעם מענטש, פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט ברענגען אַ בייַשפּיל פון אַ שלאָפענדיגן מענטש וואָס ווערט ערוועקט פון זיין שלאָף? פאַרוואָס איז נישט געווען גענוג צו זאָגן אַז דער שופר איז מעורר דעם מענטש צו טויען זיינע וועגן?

ענטפערט דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע, אַז דער רמב"ם ז"ל האָט אונז געוואָלט לערנען דעם וועג פון תשובה, מ'זאָל זיך אַראָפּלערנען פון אַ מענטש וואָס וועקט זיך אויף אינדערפרי פון זיין שלאָף. בשעת'ן אויפשטיין, טראַכט ער נישט וועגן דעם וואָס ס'איז געווען נעכטן, נאָר ער טראַכט וועגן דעם הייניגן טאָג - וואָס ער האָט צו טוהן היינט, א.א.וו. אַזוי דאַרף מען נתעורר ווערן פונעם שופר, אַז **ווען מען גייט תשובה טוהן, דאַרף מען טראַכטן נאָר וועגן דעם עתיד**, וואָס טוט מען יעצט, ווי אַזוי שטעלט מען זיך אַוועק אויף אַ גוטן וועג. מען זאָל אינגאַנצן נישט טראַכטן וואָס איז געווען נעכטן, א.ד.ג., כדי נישט אַריינפאַלן אין יאוש פון די דאָזיגע געדאַנקען וועגן דעם 'נעכטן'.

דער גאון רבי חיים ברבי בצלאל זצ"ל, שרייבט אין 'ספר החיים' (סליחה ומחילה, פ"ה) אַז דאָס איז דער ענין פון גיין צו 'תשליך' ביים וואַסער. פונקט ווי דאָס וואַסער מ'זעט דאָ לויפן איז קיינמאָל נישט געווען דאָ, נאָר עס איז נייער וואַסער וואָס איז יעצט אָנגעקומען אַהער, דאָס זעלבע דורך תשובה, ווערן אַלע ביז יעצטיגע מעשים פונעם מענטש פאַרשוואונדן. ער ווערט במציאות אַ נייע באַשעפעניש.

דערפון פאַר דעם אויבערשטען'ס מלוכה. וועגן דעם דאַרף מען מקיים זיין 'סור מרע' - קער דיך אַוועק פונעם שלעכטן, טראַכט נישט וועגן דעם שלעכטן, און טוה גוטס. אויב דו האָסט געטוהן אסאך עבירות, זאָלסטו אַנטקעגן זיי טוהן אסאך מצוות וכו' מיט ישוב הדעת.

('שיח שרפי קודש', ח"ב, ע' קצב)

**מ'דאַרף** מקיים זיין די ווערטער פון חז"ל (ב"ר פכ"א, ו) 'אין ועתה אלא תשובה'. דאָס מיינט, מ'דאַרף זיך באַנייען אַזוי ווי אַ נייע באַשעפעניש און ווי אַ ניי-געבוירן קינד, און אַזוי קען מען קומען פאַר דעם באַשעפער און זיך דערנענטערן צו אים, אַזוי ווי אַ פולשטענדיגער בעל תשובה.

# יום הכיפורים

**עד שירצה את חבירו - זיך איבערבעטן און זיך היטן פון כעס און מחלוקת**

**דער** נביא זאָגט (הושע יד, ב-ג) **'שובה ישראל עד ה' אלוקיך כי כשלת בעונך, קחו עמכם דברים ושובו אל ה''**. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק אַ דאָפּלטן לשון, 'שובה ישראל', און דערנאָך 'ושובו אל ה''.

**ענטפערט** דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ('דרשות חתם סופר', לשבת שובה שנת תקנ"ה, יז.), **אַז צו** ערשט זאָגט דער נביא אַז מ'זאָל תשובה טוהן אויף די עבירות שבין אדם לחבירו, און אויף דעם זאָגט ער 'שובה ישראל עד ה' אלוקיך', דו זאָלסט תשובה טוהן אויף די עבירות וואָס קומען אָן 'עד ה' אלוקיך', און 'ולא עד בכלל', און ערשט נאָך דעם זאָל מען תשובה טוהן אויף די עבירות שבין אדם למקום: קחו עמכם דברים, ושובו אל ה'.

**די** משנה זאָגט (יומא פה:) **עבירות שבין אדם למקום יום הכיפורים מכפר, עבירות שבין אדם לחבירו אין יום הכיפורים מכפר עד שירצה את חבירו'** - אויף די עבירות שבין אדם לחבירו, איז יום כיפור נישט מכפר, ביז מ'טוט איבערבעטן דעם חבר[לה].

**אַזוי** ווערט גע'פסק'ענט להלכה (שולחן ערוך או"ח סי' תר"ו, ס"א, און 'משנה ברורה', דאָרט סק"א), **אַז ערב יום כיפור** איז מען מחויב איבערצובעטן דעם מיט וועמען מ'האָט געטשעפּעט[לו], כדי מ'זאָל זיין ריין און ציכטיג אין יום כיפור פון יעדע עבירה.

---

**לה.** דער גאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים, פלעגט ביי זיין דרשה ערב יום כיפור פאַר 'כל נדרי', מעורר זיין דעם ציבור וועגן דעם חיוב אַכטונג צו געבן אויף ענינים פון 'בין אדם לחבירו'. ער האָט געטייטשט דעם פסוק (ש"ב כד, יד) 'נפלה נא ביד ה' כי רבים רחמיו, וביד אדם אל אפולה'. אויף די **'נפילות'** וואָס זענען **'ביד ה''** - דאָס הייסט, ביי ענינים פון 'בין אדם למקום', איז דאָך **'רבים רחמיו'**. מיר זענען נאָר מתפלל **'וביד אדם אל אפולה'** - איך זאָל נישט דורכפאַלן ביי ענינים 'בין אדם לחבירו', ווייל אויף דעם איז יום כיפור נישט מכפר, ביז מ'בעט איבער דעם חבר...

עס דערציילט איינער פון די חשובע רבנים שליט"א פון בני ברק, אַ מעשה וואָס האָט מיט אים פּאַסירט. מיט עטליכע יאָר צוריק האָט זיין ברודער חתונה געמאַכט אַ קינד, און ביים חופה האָט מען אים מכבד געווען מיט 'ברכה אחריתא'. ער איז אַרויף צום חופה, גענומען די כוס אין די האַנט און שוין אָנגעהויבן זאָגן ברוך אתה... ווען פלוצלינג הערט זיך אַ געשריי און געטימל. דער צווייטער מחותן איז אויפגעברויזט, און ער שרייט מיט קולות אויפן מחותן, "וויאַזוי האָסטו מכבד געווען דיין ברודער מיט 'ברכה אחריתא', דער כיבוד געהערט דאָך צו מיר און איך וויל מכבד זיין איינער פון מיין משפחה"...

ווי נאָר דער רב האָט געזען וואָס דאָ האָט פּאַסירט, האָט ער תיכף אַראָפּגעלייגט דעם כוס און אַראָפּגעגאַנגען פונעם חופה מיט גרויס בושות, וכדי בזיון וקצף.

ס'איז אריבער 4 יאָר זינט די חתונה און דאָס פאַרפאַלק איז נאָכנישט געהאָלפן געוואָרן מיט זש"ק... ביז עטליכע בני משפחה האָבן אַרויפגעברענגט דעם געדאַנק, אַז אפשר, איז דאָס וועגן יענעם רב, זייער פעטער, וועלכע איז נפגע געוואָרן ביים מעמד החופה. זענען זיי ביידע אַרויף צום רב אין שטוב און אים דערציילט די גאַנצע מעשה. פאַרשטייט זיך אַז די רב האָט עס תיכף אַוועקגעמאַכט, עה, איך בין בכלל נישט נפגע געוואָרן ביים חופה... אבער צום סוף האָבן זיי מצליח געווען אַז ער זאָל זיין זאָגן 'מחול לך' 'מחול לך'. פונקט אַ יאָר דערויף, איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ אינגעלע למזל"ט.

**לו.** פון דער אַנדערער זייט, דאַרף מען אָבער אויך געדענקען וואָס דער רמ"א שרייבט (סי' תר"ו ס"א) **אַז דער געטשעפּעטער, זאָל נישט זיין אַן אכזר מוחל צו זיין**, און אויך אויב ס'קומט אים אָן שווער מוחל צו זיין מיט'ן

לויט דעם, טייטשט דער 'ענף יוסף' (יומא פא: אין 'עין יעקב'), אַ טעם פאַרוואָס ס'איז אַ מצוה צו עסן ערב יום כיפור. ער ברענגט פונעם 'שפת אמת' (הקדמון), וואָס ער זאָגט אַז לגבי די כפרה פון די עבירות, ווענדעט זיך מער אין ערב יום כיפור, ווי אין יו"ב אליין[לז], ווייל רבי אלעזר בן עזריה זאָגט, אַז אויף 'עבירות שבין אדם לחבירו' איז יום כיפור נישט מכפר, ביז מ'בעט איבער דעם וועמען מ'האָט געטשעפּעט אָדער געטוהן אַן עוולה,

גאַנצן האַרץ פאַר דעם וואָס האָט אים געטשעפּעט, זאָל ער זיין אַ 'מעביר על מדותיו', און **דורך דעם וועט מען אויך פון אים אַוועקנעמען אַלע זיינע עבירות.**

עס זענען דאָ מענטשן וואָס זענען זיך מייאש תשובה צו טוהן, טראַכטנדיג אַז דער אויבערשטער וועט סיי-ווי נישט אָננעמען זייער תשובה, ווייל זיי האָבן געטשעפּעט מיט אַ צווייטן, וואָס אויף דעם העלפט נישט תשובה ביז מ'בעט איבער דעם וועמען מ'האָט געטשעפּעט, און צוליב פאַרשידענע סיבות, איז שווער פאַר זיי איבערצובעטן יענעם, און אַזוי זענען זיי זיך מייאש פון תשובה.

זאָגט אויף דעם דער "סידורו של שבת" (ח"א, השורש השישי, ענף ב'), ער ברענגט פון ספה"ק "חובות הלבבות" (שער התשובה, פ"י) אז דאָס איז נישט ריכטיג, ווייל יעדער חטא בין אדם לחבירו אַנטהאַלט צוויי חלקים: **א)** דעם חלק פון בין אדם לחבירו, **ב)** אַ חלק פון בין אדם למקום, ווייל ווען ער האָט געטשעפּעט מיט זיין חבר, האָט ער דאָך אויך עובר געווען אויף דעם ציווי פון דעם אויבערשטען, און ער נויטיגט זיך אין אַ כפרה אויף ביידע חלקים.

גיט אים דער "חובות הלבבות" אַן עצה, ער זאָל תשובה טוהן **לויט זיינע כוחות אויף דעם חלק וואָס ער האָט געזינדיגט קעגן דעם אויבערשטען.** וויבאַלד ער טוט תשובה מיט'ן גאַנצן האַרץ, און דער אויבערשטער וועט אים מוחל זיין אויף "זיין" חלק, וועט דער אויבערשטער טוהן מיט אים אַ חסד, און **ער וועט אַריינגעבן אין האַרץ פון דעם מענטש וועמען ער האָט געטשעפּעט, ער זאָל אים מוחל זיין די עוולה וואָס איז באַגאַנגען קעגן אים.** אַזוי ווערן בטל ביידע חלקים פון די עבירה: סיי דער חלק "בין אדם לחבירו", סיי דער חלק "בין אדם למקום".

**לז.** אַזוי שרייבט דער 'לבושי בדים' (דרוש כ, אין אַ דרשה וואָס ער האָט געהאַלטן אין יאָר תקנ"א), בזה הלשון: **דער עיקר איז אין יום כיפור, אָפּצוטוהן פון האַרץ די קנאה און שנאה, און עס זאָל הערשן אחדות צווישן אונז, און 'דאַן איז נישט פאַרהאַן קיין שום קיטרוג**, 'כי אין לבוא אל שער המלך בלבוש שק' (אסתר ד, כ). דאָס וואָרט 'שק', איז די ראשי תיבות פון די צוויי ווערטער **שנאה קנאה**, און די נאַכט פון יום כיפור, ווערט אָנגערופן 'שער המלך', ווייל דער גרויסער קעניג, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, זיצט דאַן אויפ'ן כסא רחמים.

זעען מיר פון זיינע ווערטער, אַז נאָך פאַר יום כיפור דאַרף מען אָפּטוהן פון האַרץ די קנאה און שנאה, כדי מ'זאל קענען אַריינקומען צום 'שער המלך', יום כיפור ביינאַכט, ווען מ'איז אָנגעטוהן געהעריג - נישט חלילה, מיט אַ 'זאַק'...

אַוודאי דאַרף מען אויך זען זיך נישט אַרומצודרייען מיט אַ 'זויער' פנים...

דער גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל האָט אַמאָל ערב יום כיפור געזען אַ איד זיך אַרומדרייען מיט אַ 'פאַרכמאָרעט' פנים, צוליב זיינע עבירות... אַזוי אַז יענער האָט 'געוואָרפן' פון זיך אַ רוח פון 'מרה שחורה'. האָט רבי ישראל סאַלאַנטער געזאָגט צו דעם איד:

- **וואָס זענען אַלע אַדורכגייער שולדיג, אַז דו האָסט געזינדיגט?!...**

מ'דאַרף זיך אָנגאַרטלען מיט די מדה פון 'סבלנות' כלפי אַנדערע מענטשן. אַ איד וואָס פלעגט אסאך אויפהאלטן מענטשן מיט לאַנגע שמועסן (בלשון נקי... וואָס מ'רופט אויף אונזער שפּראַך, אַ 'פּגע'...), האָט זיך אַמאָל ערב יום כיפור פאַרנאַכטס, 'אָנגעטשעפּעט' אינעם באָיאַנער רבי'ן, הרה"ק רבי מרדכי שלמה זי"ע. ער האָט גערעדט און גערעדט, נישט אויפגעהערט צו רעדן... און דער באָיאַנער רבי איז געשטאַנען און אים אויסגעהערט. ווען יענער איז סוף כל סוף אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט, האָבן די בני בית געפרעגט דעם רבי'ן, יענער האָט נישט געהאַט אַ בעסערע צייט ווען צו 'פאַרקויפן' זיינע נאַרישקייטן, נאָר יעצט, די לעצטע מינוט איידער עס קומט אַריין דער הייליגסטער טאָג פון יאָר?...

האָט דער באָיאַנער רבי זיי געענטפערט מיט די ווערטער פונעם הייליגן רמב"ן ז"ל, וואָס ער שרייבט: 'תתנהג לדבר כל דבריך בנחת **לכל אדם, ובכל עת**' - דו זאָלסט זיך פירן צו רעדן רואיג און געלאַסן מיט יעדן איינעם. **'כל אדם'** מיינט אַפילו אַזאַ 'פּגע'... **'ובכל עת'** - מיינט מען, אַפילו ערב יום כיפור פאַרנאַכטס...

און צוליב דעם טעם האָט דער אויבערשטער געהייסן מ'זאָל עסן ערב יום כיפור, כדי מ'זאָל האָבן אַ פריילין האַרץ. איידער דער מענטש עסט, האָט ער אַ האַרץ וועלכע איז 'בייז', און אויף דעם זאָגט דער פסוק (ישעיה נח, ד) 'הן לריב ומצה תצומו', ווייל ווען דער מענטש פאַסט, שטאַרקט זיך די גאַל אין זיין קערפּער, וואָס טוט אונטעררייצן קריגערייען. צוליב דעם האָט די תורה באַפוילן צו עסן און טרינקען ערב יום כיפור, כדי מ'זאָל האָבן אַ פריילין האַרץ און אַן אויפגעלייגטן פנים, און אַזוי זאָלן אַלע אידן זיך צוזאַמענגעקומען פאַר דעם באַשעפער אַזוי ווי חברים.

אַלע כוחות אַריינצוכאַפּן דעם מענטש אין כעס און מחלוקת, ווי עס שרייבט דער גאון בעל 'נודע ביהודה' זי"ע ('דרשות הצל"ח' לשבת שובה, דרוש כד, אות יב), אַז עס איז 'מעשה שטן' אין דעם הייליגן טאָג פון ערב יום כיפור, פאַלן מענטשן אַריין אין כעס צוליב נאַרישקייטן... זאָגט דער 'נודע ביהודה', מענשטן יאָגן זיך אין שול מיט די 'נרות חיים' אין די הענט, אַלס אַ גוטער סימן (זע רמ"א סי' תר"י, ס"ד), אבער מ'דאַרף עס שוין בכלל נישט האבן, 'ווייל ער האָט שוין אָנגעצונדן דעם פייער פון גיהנום אין שטוב', ווי חז"ל זאָגן, כל הכועס כל מיני גיהנום שולטין בו', ע"כ.

**ספּעציעל** דאַרף מען זיך היטן נישט אַריינצופאַלן ח"ו אין כעס, ווייל דער שטן פאַרלייגט זיך מיט

**אדרבה**, אין ערב יום כיפור דאַרף מען זען צו פאַרמערן אהבת ישראל[לח], ווי מיר זאָגן ביים דאַווענען

## מן הבאר

הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע חסידים: וויסן זאָלט איר, אַז אויב אַ איד איילט זיך אין בית המדרש אַריין דאַווענען און זאָגן 'כל נדרי' ערב יום כיפור פאַרנאַכטס, און גייענדיג קומט צו אים אַ איד און וויל זיך אויסגיסן פאַר אים זיין פאַרוויטאָגט האַרץ צוליב זיינע פּראָבלעמען, ער וויל מקיים זיין ביי אים 'דאגה בלב איש ישיחנה', טאָר מען חלילה נישט אָפּשטעלן דעם איד פון רעדן כדי צו גיין צו 'כל נדרי', ווייל דער גאַנצער מהות פון 'כל נדרי' און דער מהות פונעם הייליגן טאָג יום כיפור, איז דאָך נאָר אַז מ'זאָל טוהן תשובה שלימה, און **תשובה מיינט, מקיים צו זיין 'ואהבת לרעך כמוך' בהידור...** 'כי זה כל האדם'.

אַוודאי דאַרף מען האַלטן קאָפּ און געדענקען ווי טייער ס'איז די צייט, עס ברענט ממש ווי אַ פייער פון קדושה אין דעם הייליגן טאָג, און מ'זאָל נישט שרייען 'שפּעטער' חבל על דאבדין... נאָר מ'זאָל אויסנוצן יעדע רגע...

**לח.** איין יאָר ערב יום כיפור פאַרנאַכטס, פאַר 'כל נדרי', איז הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע געשטאַנען - שוין זייענדיג אָנגעטוהן אינעם טלית מיט'ן קיטל - און פאַרראַכטן אַ צובראָכענעם 'רער' פון אַ 'סוער', וואָס איז געווען נעבן זיין ביהמ"ד אין ירושלים. א איד וואָס האָט צוגעזען די דאָזיגע 'סצענע', איז געווען ערשטוינט צו זען אַזאַ מחזה... און ער האָט געפרעגט הרה"ק רבי שלמה'קען:

- הייליגער רבי, יעצט איז דען די צייט צו פאַררעכטן אַ 'סוער' רער, ווען אידן שטייען גרייט אריינצוגיין אינעם הייליגסטן טאָג? האָט רבי שלמה'קע אים געענטפערט: **איך טוה די זעלבע עבודה וואָס דער כהן גדול האָט געטוהן ווען ער איז געשטאַנען איינמאָל אַ יאָר 'לפני ולפנים', אינעם 'קודש הקדשים'...** (ווייל אַרום דער רער וואָס איז קאַליע געוואָרן, האָט אויסגעבראָכן אַ העפטיגע קריגערייַ צווישן די שכנים, און כדי איינצושטילן די מחלוקת, האָט רבי שלמה'קע געאַרבעט צו פאַררעכטן די רער...).

אַוודאי זענען מיר נישט אין דער מדריגה פונעם 'איש האלוקים', הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע, זיך צו באַשעפטיגן מיט '**פאַרשטאָפּן**' רערן פון 'סוער' ביי **אַנדערע**... אָבער מ'פאַרלאַנגט כאָטש פון אונז צו פאַרשטאָפּן די 'רערן פון שמוציג וואַסער' **ביי זיך אינדערהיים**, און אַוודאי און אַוודאי זיך גאָר שטאַרק צו היטן נישט צו '**עפענען**' אַזעלכע 'רערן', ווי די גמרא זאָגט (סנהדרין ז.) אַז אַ קריגערייַ איז אַזוי ווי אַ רער פון וואַסער, ודי למבין...

מיר האָבן געהערט פון הגאון רבי ישראל מאיר טורצין שליט"א, אז זיין פאָטער, דער גאון רבי אלעזר צדוק זצ"ל (דער מחבר פון ספר 'שונה הלכות', צוזאַמען מיט הגאון הגדול רבי חיים קניבסקי זצ"ל), האָט אַלס בחור געלערנט אין דער חברונ'ער ישיבה אין ירושלים. אין יענע יאָרן, האָט די ישיבה נאָך נישט געהאַט אַ געהעריגע דאָרמיטאָרי. וועגן

(תפילת מוסף ליוה"כ, נאכ'ן 'סדר העבודה'): 'יום שימת אהבה וריעות, יום עזיבת שנאה ותחרות', און מוסיף זיין צו טוהן צדקה און חסד[לט].

**כל האוכל ושותה בשביעי** - די מצוה צו עסן ערב יום כיפור 'ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש' (ויקרא כג, לב). מ'דארף פאסטן דעם ניינטן טאג פון חודש

---

דעם איז רבי אלעזר צדוק געשלאָפן אין הויז פון איינע פון די יקירי ירושלים (ער איז אַ שטיק צייט אויך געשלאָפן אין הויז פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע).

אַמאָל ערב יום כיפור, נאָכ'ן עסן די 'סעודה המפסקת', האָט רבי אלעזר צדוק זיך געאיילט צו גיין אין ישיבה, כדי אָנצוטאָגן צו זאָגן 'תפילה זכה', פאַר 'כל נדרי' און מעריב. ווען ער איז אַדורכגעגאַנגען פאָרנט פונעם הויז פון דעם גאון רבי שמשון אהרן פאלאנסקי זצ"ל, דער טעפּליקער רב, וועלכער איז דאן שוין געווען אויף דער עלטער, האָט דער טעפּליקער רב אים אַריינגערופן און געבעטן: בחור'ל, בחור'ל, דערבאַרים דיך און קום אַריין מיט מיר אין הויז, מיר צו העלפן אין אַ וויכטיגן ענין...

נישט קוקנדיג אויף די שפּעטע שעה, איז רבי אלעזר צדוק אַריינגעגאַנגען אין הויז פון טעפּליקער רב, און האָט מיט מסירות נפש אים געהאָלפן זיך אָפּרייניגן, כאָטש ער האָט געוואוסט אַז דורך דעם וועט ער פאַרפאַסן צו זאָגן 'כל נדרי' אין ישיבה.

ווען ער האָט געענדיגט די הייליגע עבודה פון 'הוצאת כף ומחתה' אין הויז פונעם טעפּליקער רב, האָט דער טעפּליקער רב זצ"ל זיך געוואָנדן צו אים און געזאָגט:

- אַט האָסטו מיר געהאָלפן אויף אַן אומנאַטורליכן אופן, וועט דער אויבערשטער דיר אויך העלפן דאָס קומענדיגע יאָר הבא עלינו לטובה, אויף אַן אופן למעלה מדרך הטבע...

יענעם יאָר האָבן זיך געעפענט פאַר רבי אלעזר צדוק די שערי חכמה, העכער, העכער פונעם דרך הטבע. ער האָט **יעדן טאָג** געלערנט 30 בלאַט גמרא מיט גרויס התמדה, וואָס ער האָט גוט פאַרשטאַנען און געדענקט, מיט אַ וואונדערליכן זכרון, אַזוי ווי איינער וואָס די גמרא איז שטענדיג אָפן פאַר זיינע אויגן. (כאָטש פריער איז רבי אלעזר צדוק אויך געווען אַ גרויסער מתמיד און עילוי, אָבער יענעם יאָר איז ער געשטיגן און געוואַקסן אויף אַ פילפאַכיגן אופן...).

איינמאָל האָט דער משגיח פון דער חברונ'ער ישיבה, הגאון רבי מאיר חדש זצ"ל, אין אַכט גענומען די 'מאָדנע' אויפפירונג פון דעם בחור אלעזר צדוק, ווי ער שטייט ביי אַ שטענדער און 'שלינגט איין', איין מסכתא נאָך דער צווייטער... יעדע קורצע צייט טוישט ער מסכתות... האָט רבי מאיר חדש צוגערופן אלעזר צדוק און ער האָט אים פאַרהערט די סוגיא וואָס מ'האָט דעמאָלס געלערנט אינעם 'סדר עיון' פון די ישיבה, און ער איז אַרויס פון התפעלות פון זיינע ידיעות און פאַרשטאַנד. דער משגיח, וועלכער האָט נישט געוואוסט דעם סוד אונטער די דאָזיגע הצלחה, האָט פּרובירט זיך טענה'ן מיט רבי אלעזר צדוק, אַז כאָטש ער האָט נישט באַוויזן אים צו כאַפּן אַפילו מיט איין סברא, האַלט ער אָבער, אַז דאָס איז נישט דער ריכטיגער וועג צו 'שלינגען' בלעטער גמרא איינעם נאָכ'ן אַנדערן. רבי אלעזר צדוק האָט אים אָבער נישט געענטפערט, און ער האָט ווייטער פאָרגעזעצט אויפ'ן זעלבן וועג. אַלע זיינע יאָרן, האָט ער געדענקט 'ש"ס אויפ'ן פינגער'. וואו מ'האָט אים נאָר געפרעגט, האָט ער געוואוסט צו זאָגן קלאָר אויף וועלכן דף דער מאמר ווערט געברענגט, און אויך די תוספות'ן לויט'ן סדר, איינער נאָכ'ן אַנדערן. ער האָט געקענט לייענען די גמרא לויט'ן סדר, אָנפאַנגענדיג מיט רש"י, פאָרזעצנדיג מיט די גמרא און תוספות, און געענדיגט מיט'ן רבינו חננאל. אויך פלעגט ער זאָגן מוסר פאַר זיינע תלמידים (די עילויים) וועגן דעם באַדייט פון 'קענען ש"ס'... זיי האָבן אים כסדר פאַרהערט, און האָבן אים נישט געקענט כאַפּן אַפילו ביי איין טעות.

זעען מיר פון דעם, אַז בעצם האָט **רבי אלעזר צדוק יענעם ערב יום כיפור, נישט נאָר געטוהן חסד מיט אַ צווייטן, נאָר אויך מיט זיך אַליין. ער האָט אַלע יאָרן 'געגאָסן' פון די טובה, דורך שטייגן אין תורה, און אין ידיעת הש"ס אויף אַ קלאָרן אופן.**

**לט.** הרה"ק רבי דוד'ל בידערמאַן זי"ע אדמו"ר מלעלוב אין ירושלים, איז אַמאָל ערב יום כיפור געזעסן ביי די 'סעודה המפסקת', זייענדיג אַרומגענומען מיט אַ חברה צובראָכענע היימלאָזע און קראַנקע מענטשן. ער איז געזעסן און זיי דערמוטיגט מיט ווערטלעך און אַנדערע דברי חיזוק.

פונקט דאַן איז אַדורכגעגאַנגען פאָרנט פון רבי דוד'ל'ס הויז, דער גאון רבי שמואל שענקער זצ"ל (אַן איידים פון דעם גאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל, אב"ד ירושלים), וועלכער איז געווען אויפ'ן וועג צו 'כל נדרי' אין שול, און זעענדיג

תשרי. פרעגט די גמרא (ברכות ח: ועוד), צי דען פאַסט מען אינעם ניינטן טאָג פון חודש תשרי? מ'פאַסט דאָך אין צענטן טאָג, נאָר עס קומט לערנען, אַז דער וואָס עסט און טרינקט אין ניינטן טאָג פון חודש, ווערט עס אים גערעכנט גלייך ווי ער וואָלט געפאַסט[מ] דעם ניינטן טאָג, און דעם צענטן טאָג[מא].

---

דורכ'ן פענצטער וואָס עס קומט פאַר אין הויז פון רבי דוד'ל, איז ער אַריינגעגאַנגען און געפרעגט רבי דוד'לען:

**- איז יעצט, ערב יום כיפור, די צייט צו פאַרברענגען מיט אַזעלכע מענטשן?**

האָט הרה"ק רבי דוד'ל אים געענטפערט:

- משל למה הדבר דומה, אַ קינד וואָס עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקע 'ציין ווייטאָג' ל"ע. וואָס טוט זיין מאמע? זי לאָזט אָפּ אַלע אירע באַשעפטיגונגען, און זי לאַכט און טאַנצט פאַר אים מיט אַלע אירע כוחות כדי אים צו מאַכן פאַרגעסן פון זיין שרעקליכן ווייטאָג. **די צובראָכענע אידן, זענען דער 'ציין ווייטאָג' פונעם אויבערשטען כביכול, און מיר דאַרפן שטענדיג זיין גרייט צו שטיין און טאַנצן פאַר זיי, און דערפרייען זייערע הערצער, ווייל מיט דעם טוהען מיר בשלימות דעם רצון פון דעם אויבערשטען כביכול...**

דער גאון רבי אלעזר מנחם שך זצ"ל, ראש ישיבה פון דער פאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון אַן עלטערן איינזאַמען בחור, ווען מ'האָט גערופן 'הערשעלע קאַמעניצער', אַז איין יאָר ווען ער איז געווען אויף יום כיפור ביים גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, איז ער יום כיפור ביינאַכט, נאָך דעם ווי אַלע בחורים פון ישיבה האָבן שוין פאַרלאָזט די שול, געבליבן אַליין אין בית המדרש. עטליכע מינוט שפּעטער, האָט דער 'חפץ חיים' בכבודו ובעצמו זיך אַוועקגעזעצט נעבן הערשלען, און אָנגעהויבן מיט אים אַ 'פריינטליכן שמועס' איבער פאַרשידענע זאַכן. ער האָט אים דערציילט זיין גאַנצע לעבנס-געשיכטע, ווי ער האָט געליטן אַלס קינד ווען ער איז געוואָרן אַ יתום ל"ע, און וועגן זיין חתונה, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט די טאָכטער פון זיין שטיף-פאָטער, אין דער צייט ווען מ'האָט אים אָנגעטראָגן אַנדערע שידוכים וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין מער פּאַסיג פאַר אים, אָבער ער האָט געטוהן דעם שידוך צוליב 'כיבוד אם', ווייל זיין מאמע האָט אים זייער געבעטן ער זאָל חתונה האָבן מיט די טאָכטער פון זיין שטיף-טאַטן.

- מיט דער צייט האָב איך איינגעזען אַז אַלעס איז געווען פאַר מיר אַ געוואַלדיגע טובה, ווייל מיינס אַ ידיד, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט די טאָכטער פון אַן עושר, האָט דערנאָך אויפגעגעבן דאָס לערנען צוליב די געשעפטן פון זיין שווער, און צום סוף האָט ער פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן און איז געבליבן 'אויסגעשפילט' פון אַלע זייטן, מה שאין כן, איך (דער 'חפץ חיים'), האָב זוכה געווען אַז מיין רעביצין האָט מיר געהאָלפן ביים אַרויסגעבן דעם ספר 'משנה ברורה', און די אַנדערע חיבורים וואָס איך האָב זוכה געווען אַרויסצוגעבן לאור עולם.

**אַזוי איז דער הייליגער 'חפץ חיים' זי"ע געזעסן מיט דעם בחור הערשל קאַמעניצער און מיט אים גערעדט זאַכן וואָס האָבן אויסגעזען ווי 'דברים של מה בכך', ביז פאַרטאָגס! אַלעס, כדי מחזק צו זיין אַ צובראָכענע אידישע נשמה...**

מיר דאַרפן פון דעם זיך אַראָפּלערנען אַ מוסר השכל: 'מי לנו גדול' ווי דער 'חפץ חיים' זצ"ל אַליין, און ווי טרעפן מיר אַ 'טייערערע' צייט פון יום כיפור, און פונדעסטוועגן, ווען דער 'חפץ חיים' האָט געזען ווי צובראָכן הערשל איז, אַז ער איז געבליבן זיצן אַליין אין שול יום כיפור ביינאַכט, האָט ער פאַרשטאַנען די חשיבות פון 'מידות', און געזעסן אין די הייליגע שעה'ן פון יאָר, צו דערמוטיגן און שטאַרקן אַ נפש אחת מישראל.

**מ.** דער 'לבוש' (סי' תר"ד, א) זאָגט אַ טעם פאַרוואָס דער פסוק זאָגט וועגן עסן ערב יום כיפור, אַ לשון פון עינוי - **'ועניתם'**, און ער זאָגט נישט בפירוש **'ואכלתם'** - איר זאָלט עסן אַ סעודה, ווייל די משנה זאָגט (אבות פ"ה, מכ"ב) 'לפום צערא אגרא'. דער מענטש באַקומט שכר לויט ווי שווער ס'איז אים אָנגעקומען מקיים צו זיין די מצוה. קומט אויס אַז דער שכר פאַר אַ מצוה וואָס מ'טוט מיט האַרעוואַניע, איז גרעסער ווי די מצוה וואָס עס קומט אָן לייכט עס מקיים צו זיין. וויבאַלד דער אויבערשטער האָט געוואָלט מזכה זיין די אידן און זיי געבן מער שכר פאַר'ן קיום המצוות, האָט ער געהייסן עסן אַ סעודה ערב יום כיפור, מיט'ן וואָרט **'ועניתם', כדי עס זאָל גערעכנט ווערן ווי מ'וואָלט געהאַט אַן 'עינוי' דערביי.**

**מא.** ס'איז באַקאַנט די מעשה וואָס דער 'טור' ברענגט (או"ח סי' תר"ד) אין נאָמען פון מדרש: אַ 'שוטר' (שר) האָט אַמאָל געשיקט זיין קנעכט ערב יום כיפור, צו קויפן פאַר אים פיש אין געשעפט. אין דעם פיש-געשעפט איז

**זאָגט** דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, אַ טעם פאַרוואָס מ'דאַרף עסן ערב יום כיפור, ווייל ווען דער מענטש פאַסט ווערט וויניגער דאָס פעטס און זיין בלוט פון דעם וואָס ער האָט געגעסן אַ טאָג פריער, און אויף דעם זאָגן מיר אין יעדן תענית, 'שיהא מיעוט חלבי ודמי שנתמעט היום, כחלב מונח על גבי המזבח לפניך ותרצני'. צוליב דעם איז נישט ראוי מ'זאָל עסן ערב יום כיפור אַן 'אכילת רשות', ווייל דאַן ווי אַזוי קען מען מקריב זיין דאָס פעטס און בלוט פאַר אַ קרבן?!

**צוליב** דעם טעם האָט די תורה באַפוילן אַז מ'זאָל עסן, כדי דאָס פעטס און בלוט זאָל געשאַפן ווערן פון אַ 'סעודת מצוה', און אַזוי וועט עס זיין חשוב גליך ווי מ'וואָלט מקריב געווען דאָס פעטס און בלוט פון אַ מצוה אויפ'ן מזבח.

**זיין** זון, דער פריערדיגער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע, האָט מיט דעם געטייטשט דעם פיוט וואָס מיר זאָגן (סליחות לערב יום הכיפורים) 'ירצה צום עמך אשר דמו לך מזה, חשוב חלבו כעל זבח וקרבנו אל תבזה. חתום עליו אות חיים ותפלתו תחזה, מחר יהיה האות הזה'. וויבאַלד דאָס פאַסטן אין יום כיפור איז חשוב גלייך ווי מ'וואָלט געברענגט אַ קרבן און געשפריצט דאָס בלוט אויף דעם מזבח, איז ראוי אַז דאָס וואָס מ'וועט עסן היינט, זאָל גערעכנט ווערן, 'כעל זבח' - אַזוי ווי אַ קרבן. ממילא, 'וקרבנו אל תבזה' - ווערסטו נישט פאַרשעמען זיין מאָרגענדיגן קרבן, און זיין תפילה,

---

דעמאָלס געווען צום פאַרקויפן בלויז איין פיש, און דער קנעכט האָט געצאָלט דערפאַר אַ גאָלדענעם רענדל. בעת מעשה, איז אַריינגעקומען אין געשעפט אַ אידישער שניידער, און ער האָט געוואָלט צאָלן אַ העכערן פרייז פאַר'ן פיש, און אַזוי איז דער פרייז געהעכערט געוואָרן מער און מער, ביז עס האָט דערגרייכט פינף רענדלעך, וואָס דער אידישער שניידער האָט באַצאָלט.

ווען דער קנעכט איז צוריקגעקומען צו זיין האַר דעם שר, און אים דערציילט אַז ער האָט נישט געקענט קויפן דעם איינציגן פיש ווייל אַ אידישער שניידער האָט עס געקויפט פאַר אַ העכערן פרייז פון פינף גאָלדענע רענדלעך, האָט דער שר געשיקט רופן דעם אידישן שניידער, און אים געפרעגט אין וואָס עס באַשטייט זיין פרנסה, און דער איד האָט געענטפערט אַז ער איז אַ שניידער. האָט דער שר אים געפרעגט: פאַרוואָס האָסטו געקויפט אַ פיש וואָס איז ווערד בלויז איין גאָלדן רענדל, פאַר פינף רענדלעך, און נישט נאָר דאָס, נאָר דו האָסט עס נאָך 'אויסגעכאַפּט' פון מיין קנעכט, וואָס איך האָב אים געשיקט צו קויפן פאַר מיר דעם פיש?

האָט דער איד געענטפערט: איך וואָלט געצאָלט פאַר דעם פיש אַפילו צען גאָלדענע רענדלעך, כדי צו עסן דעם פיש אין דעם טאָג, ווען **דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן צו עסן און טרינקען און מאַכן אַ סעודה, און מיר זענען זיכער אַז דער אויבערשטער וועט מוחל זיין אונזערע עבירות**. האָט דער שר געזאָגט צו דעם איד: 'אויב אַזוי, האָסטו זייער גוט געטוהן', און ער האָט אים געלאָזט גיין.

ברענגט דאָרט דער 'בית יוסף', אַז אַן ענליכע מעשה דערציילט דער מדרש (ב"ר פי"א, ד), אָבער דער מדרש פירט אויס די מעשה, אַז דער איד האָט שפּעטער באַקומען שכר, אַז **ווען ער האָט געעפנט דעם פיש, האָט ער דאָרט געטראָפן אַ טייערן דיאַמאַנט**. ער האָט עס שפּעטער פאַרקויפט, און געהאַט דערפון פרנסה זיין גאַנץ לעבן.

האָבן צדיקים געזאָגט, אַז דער מדרש האָט דאָ צוגעלייגט דעם סוף פון די מעשה, כדי אונז צו לערנען, אַז **דאָס עסן ערב יום כיפור איז מסוגל צו האָבן פרנסה א גאַנץ לעבן בכבוד ובריווח**.

אגב, זאָגט אויף דעם דער 'פרישה' (סק"ה), אַז מ'מוז זאָגן אַז דער אידישער שניידער איז געקומען אויף איינמאָל צוזאַמען מיט'ן קנעכט פונעם שר אינעם פיש-געשעפט, ווייל מ'וועט זאָגן אַז ער איז געקומען ווען דער קנעכט איז שוין דאָרט געווען אינעם געשעפט, איז דען שייך צו זאָגן אַז **צוליב דעם ווייל דער אויבערשטער האָט געזאָגט מ'זאָל עסן ערב יום כיפור, זאָל מען אויסכאַפּן דעם פיש אָדער עס גזל'ענען פון אַ צווייטן?!**

פון דעם לערנען מיר, אַז כאָטש ס'איז דאָ אַן ענין צו היטן יעדן אידישן מנהג ווייל עס האָט אַ הייליגן מקור, דאַרף מען זיך אָבער שטאַרק היטן **נישט צו פאַרגעסן פונעם עיקר**, און נישט עובר זיין ח"ו אויף דעם איסור פון הסגת גבול, אָדער אַנדערע איסורים פון דער תורה, און זיך שפּעטער באַרימען אַז מ'איז יעצט מקיים אַ מנהג ישראל...

וואָס ער וועט מאָרגן, יום כיפור, דאַווענען, וועט אָנגענומען ווערן פאַר דיר.

**פון** דעם קען מען פאַרשטיין, אַז דאָס עסן ערב יום כיפור, דאַרף זיין בקדושה ובטהרה, ווייל מ'וועט עס מקריב זיין מאָרגן 'לריח ניחוח' פאַר דעם אויבערשטן[מב].

**אשריכם ישראל - דער בוכ"ע אַליין פרייט זיך אַז ער איז מוחל די עבירות**

**זה** היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו[מג]. ס'איז אַ צייט פון שמחה פאַר אידישע קינדער, אַז דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו רייניגט אונז פון אַלע אונזערע עבירות, ווי די גמרא זאָגט (יומא פה:) 'אמר רבי עקיבא, אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרין, ומי מטהר אתכם, אביכם שבשמים'[מד].

**עס** שטייט אין תנא דבי אליהו (זוטא, סו"פ ד') [משה רבינו ע"ה איז ארויף אין הימל 3 מאל פערציג טעג] אין די לעצטע פערציג טעג ווען משה רבינו ע"ה איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן באַרג סיני כדי צו ברענגען די תורה, האָבן די אידן גוזר תענית געווען און געפאַסט יעדן טאָג. אין דעם לעצטן טאָג, דאָס הייסט, ביים סוף פון די פערציג טעג, האָבן זיי אויסגערופן אַ תענית צו פאַסטן בייטאָג און ביינאַכט, כדי דער יצר הרע זאָל נישט געוועלטיגן אויף זיי. צומאָרגנס זענען זיי אויפגעשטאַנען פרי און זענען אַרויפגעגאַנגען פאַר'ן באַרג סיני. די אידן האָבן געוויינט צו משה, און ער האָט געוויינט פאַר זיי, ביז זייער געוויין איז אַרויפגעקומען אין הימל. אין יענע שעה האָט דער אויבערשטער רחמנות באַקומען אויף די אידן און ער האָט אָנגענומען זייער תשובה, און דער רוח הקודש האָט זיי געזאָגט גוטע בשורות און נחמות.

**דאַן** האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו די אידן, מיינע קינדער, איך שווער ביי מיין גרויסן נאָמען און ביי מיין כסא הכבוד, אַז דער יעצטיגער געוויין וועט זיין פאַר ענק אַ גרויסע פרייד, און דער טאָג וועט זיין אַ טאָג פון סליחה און כפרה און מחילה, פאַר אייך און פאַר אייערע קינדער און קינדס-קינדער ביז'ן סוף פון אַלע דורות.

**אויך** דער אויבערשטער אַליין פרייט זיך מיט דעם וואָס ער איז מוחל די עבירות פון אידישע קינדער, און ער בעט פון די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן זיך צו פרייען מיט אים צוזאַמען, אַזוי ווי עס שטייט אויך אין 'תנא דבי אליהו' (פרק א') אויפ'ן פסוק (תהלים קלט, טז) 'ימים יוצרו ולא אחד בהם', אַז דאָס גייט אַרויף אויף יום כיפור, וויבאַלד ס'איז געווען אַ גרויסע שמחה

---

**מב.** הרה"ק בעל 'בית אברהם' מ'סלאנים זי"ע האָט געזאָגט, אַז ווען מ'עסט ערב יום כיפור, זאָל מען זיך פאַרשטעלן גלייך ווי מ'וואָלט געוואָלט גענומען איינעם וואָס איז אַ 'זולל וסובא', און מ'האָט אים אַוועקגעזעצט צו עסן פאַר אַ לייב... מ'פאַרשטייט אליין, אַז נישט קיין חילוק וואס פארא גרויסע 'פרעסער' ער זאל נאר נישט זיין, וועט ער עסן מיט 'דרך ארץ' און מעסטן אַלע זיינע באַוועגונגען. אָט אַזוי דאַרף אויסזען דאָס עסן ערב יום כיפור.

עס שטייט אין ספה"ק 'שם משמואל' (יוה"כ שנת תער"ב), ס'איז באַקאַנט אַז **ווען מ'עסט ערב יום כיפור, איז מען מתקן אַלע אכילות פונעם גאַנצן יאָר.**

**מג.** און אַזוי זאָגן חז"ל (מדרש החפץ) אויפ'ן פסוק (במדבר י, י) **'וביום שמחתכם', זה יום הכיפורים**, ווייל די אידן ווערן דעמאָלס אָנגעזאָגט מיט די בשורה אַז דער אויבערשטער איז מוחל זייערע עבירות. קומט אויס אַז ווען דער פסוק זאָגט סתם 'וביום שמחתכם', מיינט עס יום כיפור, ווען דער אויבערשטער איז מוחל די עבירות פון אידישע קינדער.

**מד.** אויב טויזנטער אידן טאַנצן מיט התלהבות ביים זינגען די ווערטער אין דעם טאָג ל"ג בעומר, איז דאָך אַוודאי, אַ 'קל וחומר בן בנו של קל וחומר', אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור, אַז 'אין מקרא יוצא מידי פשוט', און די הויפט כוונה פון דעם תנא רבי עקיבא איז דאָך אויף יום כיפור, ווען אידן זענען זוכה צו כפרה און טהרה.

איין יאָר יום כיפור, האָבן די תלמידים פון הגה"צ רבי יחזקאל לעווענשטיין זצ"ל, משגיח פון דער פּאָניוועזשער ישיבה אין בני ברק, געזען ווי ער חזר'ט מיט התלהבות ביי די 'הפסקה', צווישן תפילת מנחה און 'נעילה', די ווערטער פון דער משנה: 'אמר רבי עקיבא, אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרין' וכו', ווייל ער האָט געשפּירט די טהרה און קדושה וואָס שיינט אויף זיין נפש אין דעם הייליגסטן טאָג פון יאָר.

פאַר דעם אויבערשטען, וואָס ער האָט געגעבן דעם טאָג מיט גרויס ליבשאַפט פאַר די אידן.

**זאָגט** דער 'תנא דבי אליהו', ס'איז אַ משל צו אַ קעניג אַ בשר ודם, וואָס זיינע קנעכט און שטוב-מענטשן האָבן אַרויסגעוואָרפן דאָס מיסט און עס אַוועקגעלייגט פאָרנט פונעם קעניגליכן פּאַלאַץ. ווען דער קעניג גייט אַרויס פון פּאַלאַץ און ער זעט דאָס מיסט, פרייד ער זיך מיט אַ גרויסע שמחה. דאָס זעלבע איז מיט יום כיפּור, וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן מיט גרויס ליבשאַפט און שמחה, און נישט נאָר דאָס, נאָר ווען ער איז מוחל די עבירות פון די אידן, איז ער נישט טרויעריג, נאָר ער פרייט זיך מיט אַ גרויסע שמחה[מה].

**דער** גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע זאָגט (דרשות, אָנהייב חלק א') אויף דעם פסוק (תהלים יד, ז) 'מי יתן מציון ישועת ישראל, בשוב ה' שבות עמו יגל יעקב ישמח ישראל'. זאָגט דער 'חתם סופר', אין די הייליגע טעג, שיקט דער אויבערשטער זיין הילף מעורר צו זיין אידישע הערצער צו תשובה, און אויף אַזאַ תשובה קען דער בעל דין ח"ו מקטרג זיין, אַז זיי האָבן נאָר תשובה געטוהן ווייל זיי האָבן געהאַט אַ התעוררות דערויף פון הימל, און ווער זאָגט אַז זיי האָבן געהאַט אַן אמת'ע חרטה אויפ'ן עבר. צוליב דעם איז אַ מצוה זיך צו פרייען ווען עס קומען די יעצטיגע טעג מיט די מצות עשה פון תשובה, און פון די שמחה פון אונזער האַרץ קען מען דערקענען אַז מיר פרייען זיך צו דער התעוררות, און מיר ווילן באמת אויפהערן זינדיגן און מיט דעם שטעלט זיך אַרויס אַז אידישע קינדער האָבן באמת תשובה געטוהן מיט זייער אייגענעם גוטן ווילן. אַזוי ווערט פאַרשטאָפּט די מיילער פון די מקטריגים.

**אויף** דעם זאָגט דוד המלך ע"ה, דער 'נעים זמירות ישראל', 'מי יתן מציון ישועת ישראל' - ווי אַזוי קען קומען די ישועה פאַר אידישע קינדער? 'בשוב ה' שבות עמו' - די תשובה קומט דאָך נאָר מכח אַ התעוררות פון דעם אויבערשטען, און אַזוי קען דער מקטרג טענה'ן אַז די אידן זענען חלילה נישט ראוי געהאָלפן צו ווערן. אויף דעם געבט דוד המלך ע"ה אַן עצה: 'יגל יעקב, ישמח ישראל' - די אידן זאָלן זיך פרייען מיט זייער תשובה, און די דאָזיגע שמחה וועט ווייזן אַז באמת ווילן זיי יאָ תשובה טוהן צו זייער ליבן טאַטן אין הימל, אויך אָן דעם וואָס מ'זאָל זיי דאַרפן מעורר זיין דערויף פון הימל, נאָר ליידער, שטערט דער יצר הרע - 'שאור שבעיסה מעכב'...

**עס** שטייט אין ספה"ק 'מאור עינים' (פ' האזינו, ד"ה 'איתא') אַז תשובה איז אַ מצות עשה מן התורה, און דעריבער דאַרף מען עס מקיים זיין בשמחה[מו].

**אַזוי** שרייבט אויך דער 'בית אהרן' (דף קלא:) נאָר מיט שמחה און ישוב הדעת זאָל מען תשובה טוהן, ווייל דורך שמחה ווערט דער מח אויסגעלייטערט, און דער עיקר תשובה איז ווען דער מענטש האָט אַ ריינעם מח.

---

**מה.** הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע, האָט נאָך טיפער ערקלערט דעם משל און דעם נמשל, אַז לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ שמחה האָט דער קעניג ווען ער זעט בערג מיט מיסט ליגן פאָרנט פון זיין הויז? נאָר די כוונה איז, ווען אַ דערבאַרימדיגער פאָטער זעט ווי זיין זון וואַרפט זיך צוליב שטאַרקע ווייטאָגן וואָס ער האָט אין מאָגן, איז ער שנעל געגאַנגען צו דאָקטוירים וואָס האָבן געפונען ווערים אינעם מאָגן פונעם קינד. האָבן זיי געגעבן פאַרשידענע מעדיצינען, און ביז אַ קורצע צייט, זענען אַלע ווערים אַרויס פונעם בויך פונעם קינד, און דאָס קינד איז אינגאַנצן אויסגעהיילט געוואָרן. ווען דער טאַטע פונעם קינד זעט די ווערים אינדרויסן, איז זיין שמחה גאָר גרויס, ווייל זיי האָבן דאָך געפייניגט דאָס קינד, און יעצט קען ער מאַכן דערויף די ברכה 'ברוך שפטרני'...

**אַזוי פרייט זיך דער אויבערשטער ווען ער איז מוחל די עבירות פון אידישע קינדער, ווייל די עבירות פייניגן דעם מענטש, און דער טאַטע פרייט זיך ווען עס ווערט לייכטער פאַר זיינע ליבע קינדער.**

**מו.** לויט דעם, שרייבט דער 'מאור עינים', מורא'דיגע ווערטער, וועגן די עבירות וואס דער זוהר הקדוש זאָגט (ח"א סט.) אַז עס העלפט נישט ח"ו דערויף קיין תשובה רח"ל, ווייל יענע עבירות ברענגען דעם מענטש צו עצבות, און מ'קען נישט תשובה טוהן מתוך עצבות. קומט אויס אַז אַ **תשובה וואָס ווערט געטוהן מתוך שמחה, איז מכפר און עס רייניגט דעם מענטש פון יעדן סאָרט שמוץ.**

לויט דעם, זאָגן די קדמונים אַ טעם פאַרוואָס ס'איז דאָ אַ מצוה צו עסן אַ סעודה ערב יום כיפור, ווי דער של"ה הקדוש שרייבט (יומא, תורה אור, אות קלד) אין נאָמען פונעם רמ"ק זי"ע, אין זיין ספר 'עבודת יום הכיפורים', ווייל יום הקדוש קען דער מענטש זיך נישט פרייען, צוליב די דאגה פון זיינע חטאים, און די אויגן פון אַלע אידן זענען אויפגעהויבן צו זייער טאַטן אין הימל. וועגן דעם האָט די תורה מקדים געווען די מצוה צו עסן ערב יום כיפור, כדי מען זאָל זיך פרייען אין דעם טאָג, און דאַן וועט אָנגענומען ווערן דער תענית אין יום כיפור, ווייל דער עינוי פונעם יו"כ איז נישט באַוויליגט פאַר דעם אויבערשטען, וויבאַלד עס קומט מיט דאגה. נאָר אויב מען פרייט זיך ערב יו"כ, ווערט אָנגענומען דער תענית אין יו"כ.

**עניליבע** ווערטער, שרייבט דער 'שערי תשובה' (שער ד, ח-ט) אַז צוליב דעם זאָגן חז"ל (ר"ה ט.) אַז דער מענטש וואָס איז קובע אַ סעודה ערב יום כיפור, איז גלייך ווי ער וואָלט באַפוילן געוואָרן צו פאַסטן אינעם ניינטן טאָג און אינעם צענטן טאָג און ער האָט געפאַסט, ווייל ער האָט אַרויסגעוויזן זיין שמחה ווען עס איז געקומען די צייט פון זיין כפרה, און דאָס וועט זיין אַן עדות אַז ער איז געווען באַזאָרגט צוליב די עבירות, און צווייטענס, אין אַנדערע ימים טובים באַשטימען מיר אַ סעודה פאַר די שמחה פון די מצוה, ווייל גאָר גרויס איז דער שכר פון שמחה פאַר'ן מקיים זיין די מצוות פונעם באַשעפער, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (דה"א א, כט) 'ועתה עמך הנמצאו פה, ראיתי בשמחה להתנדב לך', און אויך זאָגט דער פסוק (דברים כח, מז) 'תחת אשר לא עבדת את ה' אלוקיך בשמחה ובטוב לבב', און וויבאַלד מ'פאַסט אין דעם טאָג פון יום כיפור, האָט מען געהייסן באַשטימען אַ סעודה פאַר די שמחה פון די מצוה אין ערב יום כיפור.

**כי גדול יום ה' - אפילו דער גוף ווערט אין דעם טאָג געהייליגט**

'כי גדול יום ה' ונורא מאד, ומי יכילנו' (יואל ב, יא). די מדרש זאָגט (מדרש תנחומא, וישלח, ב) אַז דער פסוק גייט אַרויף אויף יום כיפור. דער מענטשליכער שכל קען נישט באַגרייפן די גרויסע מעלות פון דעם הייליגן טאָג, וואָס איז העכער פון דעם גאַנצן יאָר[מז].

**מורא'דיגע** ווערטער, זאָגט דער 'חתם סופר' זי"ע (דרשות חתם סופר, ח"ב, שסט:), בזה הלשון: דער תענית פון יום כיפור איז נישט צו פייניגן און גורם זיין צער

---

**מז.** מיר האָבן נישט קיין השגה וויפיל רחמים עס ווערט נתעורר אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור.

הרה"ק בעל 'בני יששכר' זי"ע, שרייבט אין זיין ספר 'מגיד תעלומה' (ברכות יב:), **אַז יום כיפור איז אַ טאָג פון רחמים, און עס ווערט נישט אָנגערופן דין און משפט.**

**מן הבאר**

עס ווערט געברענגט אין נאָמען פון הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט, מיר האָבן דאָך נישט קיין השגה וועגן דעם מהות פון אַ מלאך, און אַוודאי האָבן מיר נישט קיין השגה אין דעם כסא הכבוד, אָבער דאָס ווייסן מיר יאָ, אַז אַרום דעם כסא הכבוד שטייען הייליגע מלאכים און באַדינען דעם אויבערשטען באימה וביראה ברתת ובזיע.

**יום כיפור, טוט דער אויבערשטער כביכול אַראָפּברענגען זיין כבוד אויף דער וועלט, און ממילא, ווערט יעדער איד אַזוי ווי אַ מלאך**, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא טז, ל) 'לפני ה' תטהרו'. מיר שטייען ממש פאַר דעם אויבערשטען כביכול. וועגן דעם זאָגט מען יום כיפור, 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד' הויך אויפ'ן קול, אַזוי ווי די מלאכים זאָגן דעם פסוק אין הימל.

דער של"ה הקדוש זי"ע שרייבט (מסכת יומא, עמוד התשובה, סתרי יוה"כ), אַ טעם פאַרוואָס איינער וואָס פאַרשוועכט דעם הייליגן טאָג במזיד (מיט טוהן די פינף זאכן וואָס מ'טאָר דעמאָלס נישט טוהן) ווערט געשטראָפט מיט 'כרת', און נישט 'מיתת בית דין' (סקילה), אַזוי ווי אַ מחלל שבת, ווייל **אין יום כיפור ווערן נתעורר אין הימל אַסאַך רחמים** (און וועגן דעם האָט דער שטן נישט קיין רשות מקטרג צו זיין דעמאָלס). **דעריבער איז אויך דער עונש פאַר נישט היטן יום כיפור, לייכטער ווי ביי שבת, צוליב די פילע רחמים וואָס הערשן אין דעם טאָג.**

פאַר אידן ח"ו, נאָר צוליב די קדושה און דביקות, אַזוי ווי די מלאכים אין הימל. ס'איז ענליך צו די פערציג טעג ווען משה רבינו ע"ה איז געווען אין הימל, ער האָט נישט געגעסן קיין ברויט און נישט געטרינקען וואַסער, פון גרויס דביקות און קדושה, געניסנדיג פון די שיינקייט פון די הייליגע שכינה. דאָס וואָס עס שטייט אין פסוק (ויקרא טז, כט) 'תענו את נפשותיכם', איז נישט אַ לשון פון פייניגונג, נאָר פון התעוררות...

**אויפ'ן** פסוק (ויקרא טז, ב) 'ואל יבא בכל עת אל הקודש'. פרעגט דער 'כלי יקר' (ד"ה 'ואל יבא'), אַז פון דעם לשון 'בכל עת' איז משמע, ער זאָל נישט אַריינקומען דאָרט 'אייביג', נאָר פון צייט צו צייט. באמת איז דאָך דאָס נישט ריכטיג, ווייל דער כהן גדול האָט דאָך געמעגט אַריינקומען אין קודש הקדשים נאָר איין מאָל אַ יאָר - יום כיפור.

**ענטפערט** דער 'כלי יקר', אַז יום כיפור זענען אַלע אידן אַזוי ווי די מלאכים, זיי זענען 'למעלה מן הזמן'. די צייט געוועלטיגט נישט אויף זיי. צוליב דעם איז יום כיפור אינגאַנצן נישט אין כלל פון 'עת'. עס שטייט 'פאַר זיך', אָפּגעטיילט פון אַלע טעג פונעם יאָר. 'ואל יבא בכל עת' מיינט צו זאָגן, אַז מ'טאָר בכלל נישט אַריינקומען אין אַ צייט וואָס איז אין כלל פון 'עת', נאָר אין דעם הייליגן טאָג פון יוה"כ, ווען אידן זענען צוגעגליכן צו די מלאכי השרת.

**דער** 'חתם סופר' שרייבט (דרשות, ח"א, ע' טז, טור ב) אַז אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור, ווערט אויך דער גוף פונעם מענטש גאָר שטאַרק דערהויבן און געהייליגט.

**דער** 'חתם סופר' ברענגט אַ ראיה דערצו פון די גמרא (יומא פב.) אַז אַ מעוברת וואָס האָט געשמעקט אַ מאכל און זי וויל עסן דערפון יום כיפור, גיט מען איר צו עסן דערפון אַביסל, כדי זי זאָל זיך באַרואיגן.

**זאָגט** אויף דעם די גמרא (עמוד ב', דאָרט) אַז עס איז געווען אַ מעוברת וואָס האָט געשמעקט אַ מאכל, און מ'האָט איר איינגערוימט אין אויער אַז היינט איז יום כיפור, כדי זי זאָל זיך צוריקהאַלטן פון וועלן עסן דעם מאכל. אויב זי וועט זיך פאָרט נישט באַרואיגן, זאָל מען איר געבן צו עסן דערפון, צוליב 'פיקוח נפש'.

**פרעגט** דער 'חתם סופר', פאַרוואָס געפינען מיר נישט אַזאַ הלכה אויך ביי אַנדערע איסורים, צום ביישפיל, אויב עס גליסט פאַר אַ מעוברת צו עסן נבילות און טריפות, גיט מען איר צו עסן דערפון, און מ'זאָגט איר נישט אַז די תורה האָט פאַרבאָטן צו עסן נבילות און טריפות.

**איז** דער תירוץ, ווייל אַן 'עובר במעי אמו' האָט אַ מורא'דיגע קדושה, ווען דער מלאך לערנט מיט אים די גאַנצע תורה (נדה דף ל:). ווען נישט וואָס עס נעמט אים אַרום דער 'גוף עכור' פון זיין מאַמע, איז ער נאָך גרעסער ווי די מלאכים. צוליב דעם איז אַ גאַנץ יאָר כמעט אַ זיכערע זאַך אַז עס וועט נישט העלפן אויב מ'וועט איר איינרוימען אין אויער אַז מ'טאָר נישט עסן נבילה אָדער טריפה, ווייל דער מגושמ'דיגער קערפּער שלעפּט איר צו גשמיות'דיגע תאוות. אָבער אין יום כיפור, ווערט דאָך אויך דער גוף פון די מאַמע געלייטערט, ממילא, אַז מ'וועט דערמאָנען פאַר דעם עובר אַז היינט איז יום כיפור און מ'טאָר נישט עסן דעם מאכל, איז גאַנץ מעגליך אַז ער וועט מער נישט גליסטן צו עסן[מח]!

**דער** אמת איז, אַז יום כיפור זענען אידן נישט נאָר אַזוי ווי די מלאכים אין הימל, נאָר זיי שטייען דעמאָלס אין אַ העכערע מדריגה ווי די מלאכים, ווייל

---

פון די ווערטער פון של"ה הקדוש זעען מיר אַ מורא'דיגע זאַך: דער עונש קומט דאָך צו אַ נידערטרעכטיגן מענטש וועלכער איז ליידער אַ מחלל יום הכיפורים במזיד. ער האָט בכלל נישט קיין שייכות מיט דעם הייליגן טאָג, און פונדעסטוועגן, איז אויך ער אַריינגערעכנט אין דעם גרויסן רחמנות פון דעם אויבערשטען (על כל פנים, צו באַקומען אַ לייכטערע שטראָף).

**מח.** אויך דאָס 'ארציות' פון דער וועלט, ווערט גאָר שטאַרק אויפגעהויבן צו אַ העכערע מדריגה אין יום כיפור, ווי עס שטייט אין ספה"ק 'אגרא דפרקא' (אות ד"ש), אַ טעם פאַרוואָס יום כיפור טאָר מען נישט אָנטוהן שיך, ווייל די גמרא זאָגט (שבת קכט.) אַז דער מענטש זאָל אַפילו פאַרקויפן זיין הויז, און קויפן שיך פאַר זיינע פיס. דאַרף מען פאַרשטיין, מיט וואָס זענען די שיך אַזוי וויכטיג פאַר'ן מענטש, אַז ער זאָל אַפילו פאַרקויפן זיין הויז, כדי צו האָבן שיך?

אַ גאַנץ יאָר זאָגט מען ביי די הויכע שמונה עשרה פון שחרית און מנחה 'נקדישך', נאָר ביי מוסף זאָגט מען 'כתר'. אָבער יום כיפור, זאָגט מען ביי אַלע תפילות 'כתר'.

**שרייבט** דער 'מטה משה' (סי' תתע"ב), אַ טעם דערפאַר, ווייל אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור, ווערט כביכול אויפגעהויבן דער כסא הכבוד דורך די אידישע תפילות. אויף אַזוי ווייט, אַז די מלאכים קענען נישט משיג זיין די קדושה פון יענעם אָרט. צוליב דעם וואונדערן זיי זיך און זיי פרעגן די גאַנצע צייט 'איה מקום כבודו להעריצו'.

**צוליב** דעם טעם, זאָגט מען נישט 'נקדישך' אין יום כיפור, נאָר 'כתר', ווייל אין 'נקדישך' שטייט 'ממקומך', אין אַ 'לשון נוכח' (מ'רעדט צום אויבערשטען). די מלאכים קענען אָבער נישט אָנכאַפּן אַזאַ לשון, וויבאַלד זיי זענען נישט משיג דאָס 'אָרט' פון דעם כסא הכבוד. דעריבער זאָגט מען 'ממקומו', אין אַ 'לשון נסתר'[מט] ('פון זיין אָרט').

**כל נדרי - תשובה קען מען בטל מאַכן אַפילו אַ גזירה וואָס האָט מיט זיך אַ שבועה**

**יום** הקדוש פאַרנאַכטס, פירן זיך אידישע קינדער צו זאָגן 'כל נדרי'. אין יענע מינוטן, ווערן אַלע אידן נתעורר צו תשובה און תיקון המעשים, און עס קומט אַראָפּ אַ גרויסער 'געוויין' אויף דער וועלט אין יענע מינוטן, כאָטש באמת, איז אין 'כל נדרי' נישט דאָ ווערטער פון התעוררות, עס איז דאָך אַן ענין פון 'התרת נדרים', און מיר זעען נישט אַז די ווענט זאָלן זיך 'שאָקלען' ווען מ'זאָגט 'התרת נדרים' ערב ראש השנה.

**איז** דער תירוץ, ווייל דער זוהר הקדוש זאָגט (ח"ב, קו.), אַז דורך תשובה קען מען בטל מאַכן אַפילו אַ גזירה וואָס האָט מיט זיך אַ שבועה, און ווען מ'זאָגט 'כל נדרי', איז אַן 'עת רצון' און אַ שעת הכושר אין הימל, צו קענען בעטן דעמאָלס אַז מ'זאָל מתיר זיין און בטל מאַכן אַלע שבועות און חרמות, ווייל דורך דעם וואָס בית דין של מטה איז זיי מתיר אַז זיי זאָלן נישט האָבן אַ קיום, איז מען דורך דעם מעורר רחמים אין הימל, און אַזוי ווערן זיי מותר אויך ביי דעם בית דין של מעלה, און וועגן דעם ווערט דעמאָלס נתעורר אַ געוויין אין די בתי מדרשים, ווייל יעדער איד טוט דעמאָלס תשובה[נ], און ער איז זיך משתדל מיט אַלע כוחות בטל צו מאַכן אַלע שווערע און שלעכטע גזירות.

**דער** בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט ('בעל שם טוב' עה"ת, ר"ה ויוה"כ, כב), חז"ל זאָגן (יומא כ:) אַז יום כיפור האָט דער שטן נישט קיין רשות מקטרג צו זיין. ממילא, טוט זיך דער יצר הרע פאַרלייגן מיט אַלע

---

ענטפערט דער 'אגרא דפרקא', לויט ווי דער מהר"ם חאַגיז ז"ל, בעל 'משנת חכמים', זאָגט אין נאָמען פון די 'חכמי הרמז', אַז ביי דעם חטא עץ הדעת איז די ערד געשאָלטן געוואָרן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ג, יז) 'ארורה האדמה בעבורך', און וועגן דעם דאַרף מען פאַרקויפן אַלעס וואָס מ'פאַרמאָגט כדי מ'זאָל נישט טרעטן אויף אַן אָרט וואָס איז געוואָרן געשאָלטן, אָבער אין בית המקדש איז דאָך די ערד געוועןן הייליג, דאַרף מען דאָרט אויסטוהן די שיך און גיין באָרוועס (ברכות סב:), כדי עס זאָל נישט זיין אַ 'חציצה' צווישן די פיס פון דעם מענטש און די **הייליגע ערד**.

פירט אויס דער 'אגרא דפרקא', אַז צוליב דעם טעם טאָר מען אויך נישט אָנטוהן שיך אין יום כיפור, ווייל די ערד, מיט'ן גאַנצן 'חומריות', גייט אַרויס אין דעם טאָג פון דעם כלל פון קללה צו ברכה, און **מ'זאָגט צו יעדן איד, 'של נעליך מעל רגליך, כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא'.**

**מט. דער קאָצקער רבי זי"ע האט געזאָגט, אַז אויב מענטשן וואָלטן געוואוסט ווי שטאַרק מ'טוט רייניגן זייערע נשמות אין יום כיפור, וואָלטן זיי גאָר שטאַרק אַכטונג געגעבן צו היטן ריין זייערע נשמות, זיי זאָלן מער נישט פאַרשמירט ווערן ח"ו פון עבירות.**

**נ.** הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע האָט איין יאָר ערב יום כיפור פאַרנאַכטס, אַריינקומענדיג אין ביהמ"ד, געזאָגט צום עולם:

- חז"ל זאָגן (שבת לד.) אַז ערב שבת פאַרנאַכטס, דאַרף אַ מענטש זאָגן דריי זאַכן ביי זיך אינדערהיים: 'עשרתם, ערבתם, הדליקו את הנר'. יום כיפור, ווערט דאָך אָנגערופן 'שבת שבתון'. דאַרף מען ערב יום כיפור, איידער מ'גייט זאָגן 'כל נדרי', אויך זאָגן די דריי דערמאנטע זאַכן: **'עשרתם'** - ס'זענען שוין אַדורכגעגאַנגען די 'עשרת' ימי תשובה.

כוחות ערב יום כיפור פאַרנאַכטס, מקטרג צו זיין ח"ו אויף אידן, 'ואף על גב דאינהו לא חזי, מזלייהו חזי' - און אפילו אויב דער מענטש אַליין שפירט עס נישט, אָבער זייער מזל שפירט עס, און וועגן דעם ווערט דעמאָלס נתעורר אַ געוויין[נא].

**מורא'דיגע** ווערטער, האָט געזאָגט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע ('אמרי פנחס השלם, אות תקלז) די סיבה פאַרוואָס מ'וויינט ביים זאָגן 'כל נדרי', ווייל דער אויבערשטער און זיין שכינה, און די גאַנצע פמליא של מעלה קומען אַראָפּ אויף דער וועלט אין יום הקדוש, און ס'איז נישט דאָ קיין אָרט אויף דער וועלט וואָס קען אויסהאַלטן די קדושה פון די פמליא של מעלה, צוליב דעם ווערט דעמאָלס נתעורר אַ גרויסער געוויין, כדי 'אָפּצושווענקען' די גאַנצע זוהמא פון דער וועלט מיט די טרערן פון אידישע קינדער[נב].

---

**'ערבתם'** - אויך ערב יום כיפור איז שוין פאַרביי געגאַנגען. **'הדליקו את הנר'** - מ'האָט שוין אַפילו געצונדן דעם 'נר נשמה', וואָס מ'פירט זיך צו צינדן ערב יום כיפור, אָבער ליידער, האָט מען נאָך אַלץ נישט תשובה געטוהן... **'ואם לא עכשיו אימתי'**...

**נא.** מורא'דיגע ווערטער, שרייבט דער הייליגער "חתם סופר" זי"ע (דרשות "חתם סופר", דף לה.) מסביר צו זיין דעם ענין פון תוספת יום הכיפורים, און די מורא'דיגע קדושה וואָס קומט דעמאָלס אַראָפּ פון הימל אויף דער וועלט. יעדער איינער דאַרף אָנקומען צו דער הילף פון דעם אויבערשטען, ער זאָל קענען תשובה טוהן. עס איז אַזוי ווי אַ "טמא מת" (אַ מענטש וואָס איז געוואָרן טמא פון אַ טויטן קערפּער) וואָס ער וויל זיך מטהר זיין, וואָס כאָטש ער ווערט נישט ריין נאָר אויב ער טובל'ט זיך אין אַ מקוה פאַר זיין טהרה, אָבער ער דאַרף פריער אָנקומען צו דער הילף פון אַנדערע מענטשן. צום ביישפּיל, אַ צווייטער דאַרף אויף אים שפּריצן פונעם אַש פון די "פרה אדומה", אין דריטן טאָג און אין זיבעטן טאָג פון זיין טהרה. בלויז נאָך דעם קען ער זיך טובל'ען. אָבער אויב מ'וועט נישט שפּריצן אויף אים, וועלן אַלע טבילות אויף דער וועלט אים נישט העלפן.

דאָס זעלבע איז מיט יום כיפור. **עס איז דער טאָג וואָס איז ווי אַ 'מקוה' פאַר אידישע קינדער, ווען אַלע קומען אַריין צו טובל'ען זיך פון דעם 'שמוץ' רח"ל פון די עבירות. אָבער ווען נישט דאָס וואָס דער אויבערשטער וואַרפט קודם ריינע וואַסער אויף די אידן - דאָס הייסט, אין דער צייט פון 'תוספת יום הכיפורים' - איידער עס הייבט זיך אָן דער משפט, שיקט דער אויבערשטער אַ התעוררות און הייליגע הילף, און דורך דעם קענען די אידן תשובה טוהן אין יום כיפור.**

**נב.** עס ווערט געברענגט אין "באר היטב" (סי' תרי"ט, סק"ד) אַז עס איז איינגעפירט צו זיך אַרומצואוויקלען מיט'ן טלית ערב יום כיפור מבעוד יום, און מאַכן אַ ברכה אויפ'ן טלית און אַזוי שרייבט דער אריז"ל. אָבער אויב מ'האָט אָנגעטוהן דעם טלית ערשט ביינאַכט, מאַכט מען נישט אַ ברכה אויפ'ן טלית, עיי"ש.

שרייבט אויף דעם, דער רמח"ל זצ"ל, אין זיין ספר "קיצור הכוונות" (סדר יום הכיפורים) אַז דערפאַר מאַכט מען נישט אַ ברכה אויב מ'טוט אָן דעם טלית ביינאַכט, **ווייל אין דער צייט ווען די זון גייט אונטער אין דעם הייליגן טאָג** (ערב יום כיפור) **שפּרייט אויס דער אויבערשטער אַ "טלית" אויף אַלע אידן. און מיט זיין חסד, באַהאַלט ער אונז אין זיין שאָטן, אונטער די פליגל פון די שכינה.** און וויבאַלד דאָס געשעט פון זיך אַליין, מאַכט מען נישט אַ ברכה אויפ'ן טלית יום כיפור ביינאַכט.

## מן הבאר

דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע האָט געשריבן אַ בריוו, נאָך יום הקדוש שנת תק"ג, צו די מתפללים פון דער שול 'כנסת ישראל' אין איטאַליע, ווי ער דערציילט דאָרט וועגן אַלעם וואָס קומט פאָר מיט אים אין ירושלים. אינדערמיט דריקט ער זיך מיט מורא'דיגע לשונות:

**'איך האָב געזען אַ גאר גרויסע 'הארה' בשעת מ'האָט געזאָגט 'כל נדרי'**, און אַ רייכער איד פון מערב האָט געקויפט פאַר מיר די הוצאת הספר תורה ביי 'כל נדרי'. ווען איך האָב געעפנט דעם היכל אַרויסצונעמען די ספר תורה, איז עס געווען אין מיינע אויגן ממש אַזוי ווי איך וואָלט דעמאָלס געעפנט די טויערן פון גן עדן, אַזאַ גרויסע 'הארה' האָט דעמאָלס געהערשט אין שול'.

**מ'דאַרף** זיך אָבער היטן, אַז די התעוררות זאָל נישט ברענגען דעם מענטש צו עצבות ח"ו, און מ'דאַרף געדענקען די ווערטער פון הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע (ספר 'תורת אבות', יום הכיפורים), וואָס ער האָט געזאָגט לאידך גיסא, אַז וויבאַלד דער שטן ווייסט אַז ער האָט נישט קיין רשות מקטרג צו זיין און מכשיל צו זיין דעם מענטש אין דעם הייליגן טאָג פון יום כיפור, איז ער מעורר דאָס געוויין ביי 'כל נדרי', כדי מ'זאָל צוקומען צו עצבות און 'מרה שחורה' ח"ו. ממילא, דאַרף מען זיך זייער היטן צו טוהן ביידע - וויינען מתוך שמחה, און זיך שטאַרקן מיט חיזוק און בטחון, 'כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאותיכם לפני ה' תטהרו', מיט אַ טהרה פון האַרץ.

**תענו את נפשותיכם - די סגולות פונעם תענית**

**דער** 'יסוד ושורש העבודה' שרייבט (פ"י) אַז ס'איז פשוט, אַז דער שכר פאַר מקיים זיין די מצות עשה פון פאַסטן יום כיפור, איז גאָר גרויס, ווייל דער צער פונעם גוף איז חשוב'ער ווי באַקאַנט[נג].

**ער** שרייבט, 'אחיי ורעיי', יעדער איינער זאָל זיך מתבונן זיין, אַז ס'איז ראוי און גוט פאַר אים זיך צו פרייען אַ גרויסע שמחה יעדע רגע מיט'ן צער פונעם עינוי פון עסן און טרינקען און אויסטוהן די שיך, אַז מ'איז מקיים אַ מצות עשה מן התורה יעדע רגע וואָס מ'לליידט פון דעם עינוי, און אַוודאי איינער וואָס האָט אין האַרץ די ליבשאַפט פאַר'ן באַשעפער, וויל ער אַוודאי אַז דער טאָג זאָל דויערן וואָס לענגער, 'כפלי כפלים', כדי ער זאָל יעדע סעקונדע מקיים זיין מיט'ן צער פונעם פאַסטן, אַ מצות עשה מן התורה וואָס זיין באַשעפער יתברך שמו ויתעלה האָט אים באַפוילן[נד].

**בעת נעילת שער - די געהויבענע און הייליגע מינוטן פון 'נעילה'**

**דער** ראָפּשיצער רב זי"ע זאָגט אין ספר 'זרע קודש', און אַזוי שטייט שוין אין סידור האריז"ל, אַז 'נעילה' איז פון לשון 'נעל י-ה'. דאָס איז אַ רמז אַז דער אויבערשטער 'פאַרשליסט' זיך, ער איז זיך מייחד מיט די אידן אַליין. 'לא יתערב זר' - 'פרעמדע' (די מקטרגים) קענען דעמאָלס נישט זיין אַנוועזנד[נה].

---

**נג.** ס'איז ס'איז באַקאַנט אַז דער הייליגער רבי ר' מענדעלע פון רימנוב זי"ע האָט זייער שטאַרק מחמיר געווען ביי דעם תענית פון יום כיפור, און ער האָט נישט מתיר געווען צו עסן נאָר בשעת הדחק, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ מצב פון 'פיקוח נפש' ממש.

ער פלעגט זאָגן, אַז וויבאַלד די תורה הייסט פאַסטן אין דעם טאָג, איז **מצד די טבע** טוט דאָס פאַסטן און דער 'עינוי' שפייזן דעם גוף, און וועגן דעם דאַרף מען נישט מקיל זיין דערין. (זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן דאָרט וואו ס'איז דאָ אַ פאַרלעסליכער רב, אַ מורה הוראה וואָס ערלויבט צו עסן, ווייל דאן, איז דער חולה מחויב צו עסן, 'ונשמרתם מאד לנפשותיכם', און פונקט אַזוי ווי כלל ישראל איז מצווה מן התורה צו פאַסטן, אַזוי איז אַ מצוה אויפ'ן חולה צו עסן און טרינקען כדי זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן.)

אויך האָט ער געזאָגט, אַז דאָס פאַסטן יום כיפור איז **אַ סגולה פאַר אריכות ימים**, ווייל עס געבט כח און היילט אַלע איברים פונעם מענטש.

**נד.** ס'איז כדאי מעיין צו זיין דאָרט אין 'יסוד ושורש העבודה', אין אַלע זיינע הייליגע ווערטער, וואו ער איז מאריך איבער די כוונה פונעם עינוי און קדושת היום 'כי הוא נורא ואויום'.

אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האָט אַמאָל אַריינגערופן צוויי פון זיינע מקורבים, און ער האָט זיי באַפוילן צו פאַרשפרייטן די ווערטער פונעם 'יסוד ושורש העבודה', אַ זאַך וואָס איז נישט געווען זיין סדר צו טוהן, און ער איז אַרויס פון זיין גדר, זעענדיג דעם גרויסן תועלת וואָס מ'האָט ווען מ'לערנט די הייליגע ווערטער.

**נה.** פאַר די צווייטע וועלט מלחמה אין אייראָפּע, פלעגט הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע פאָרן יעדעס יאָר ז' אדר, דער יאָרצייט פון הרה"ק רבי אייזיקל קאַלובער זי"ע, צום הייליגן ציון אין קאַלוב. דער רבי פלעגט אייביג אָנקומען אַהין פאַרנאַכטס, ממש קורץ פאַר די שקיעה. איין יאָר איז ער שוין אָנגעקומען אינדערפרי קיין קאַלוב, אָבער ער איז געגאַנגען צום ציון ערשט פאַרנאַכטס, אַזוי ווי יעדעס יאָר. האָט איינער אים געפרעגט פאַרוואָס ער קומט אַזוי שפעט צום ציון, ער איז דאָך היינט שוין אָנגעקומען אינדערפרי קיין קאַלוב, און ס'איז געווען געוויינלעך צייט אויפ'ן טאָג צו גיין מתפלל זיין ביים ציון.

**דער** רמח"ל זצ"ל שרייבט אין 'קיצור הכוונה', אַז אין דער צייט פון 'נעילה', קען יעדער איד זיין אַזוי ווי אדם הראשון איידער ער האָט געזינדיגט, ממש אַזוי ווי 'יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא', איידער מ'איז פאַרשמירט געוואָרן מיט עבירות.

**דער** 'רוקח' שרייבט (הלכות יוה"כ, סי' ריז) אַז יום כיפור פאַרנאַכטס טוט דער אויבערשטער פאַרזיגלען, און אַלע מלאכים שטייען, די 'מיימינים' און די 'משמאילים', און דעמאָלס גייען אַלע נשמות אַרויף פאַר'ן כסא הכבוד צו זאָגן גוטס אויף אידישע קינדער, און צוויי מלאכים שטייען אויף 'רעדער' פון ווינט, זייערע פליגלען זענען פון איין עק צום אַנדערן. איינער ציילט און שרייבט אונטער למיתה און איינער שרייבט לחיים, און דער אויבערשטער 'חותם אמת' וכו'. ביז די מינוט פונעם אונטערשרייבן, קען דער יחיד נאָך אַלץ תשובה טוהן[נ]. אויב ער טוט תשובה, ווערט עס אָנגענומען אין הימל.

---

האָט דער רבי זי"ע געענטפערט, דער סדר העולם איז, אז אין טאָג פון אַ יריד, **כאַפּט מען 'מציאות' אין די לעצטע מינוטן...**

דער רבי האָט געמיינט צו זאָגן, אַז די הויפּט-התעוררות איז דווקא ביי 'נעילה', ווען דער טאָג האַלט שוין ביים אַוועקגיין.

מיר געפינען ביי יונה הנביא אַז ער האָט געבעטן די מאַטראָזן פון דער שיף, זיי זאָלן אים **טראָגן** און אַריינוואַרפן אין ים אַריין, און דאַן וועט דער שטורעם-ווינט זיך אָפּשטעלן: '**שאוני** והטילוני אל הים וישתוק הים מעליכם' (יונה א, ח).

פרעגט הגה"צ רבי לייב חאַסמאַן זצ"ל, דער משגיח פון דער ישיבה אין חברון, פאַרוואָס האָט יונה געדאַרפט זאָגן זיי זאָלן אים 'טראָגן'. עס וואָלט געגוג געווען פאַר אים צו זאָגן, וואַרפט מיך אַריין אין ים. איז דער תירוץ, אַז יונה האָט געוואָלט זיי זאָלן אים טראָגן פאַר'ן אַריינוואַרפן אים אין ים אַריין, כדי אָפּצושטופּן דאָס אַריינוואַרפן אין ים **מיט נאָך איין סעקונדע... ווייל מ'קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן די חשיבות אַפילו פון נאָך איין סעקונדע פון לעבן, ווען מ'קען נאָך אַלץ תשובה טוהן.** 'יש קונה עולמו בשעה אחת'...

## מן הבאר

מורא'דיגע ווערטער שרייבט דער 'משך חכמה' (פ' וילך), אַז כאָטש וואָס די גמרא זאָגט (יומא פו.) אַז דער וואָס האָט חלילה עובר געווען אויף די עבירה פון חילול ה', קען ליידער נישט תשובה טוהן, און אפילו יום כיפור וועט אים נישט מכפר זיין. **אבער בשעת 'נעילה' קען מען אויך מכופר ווערן פון חילול ה'!**

און ער געבט עס צו פאַרשטיין, ווייל עס איז דאָך די סדר ביי יעדע בית משפט, אז עס איז דאָ אַ שופט און איבער אים דאָ נאָך אַ גרעסערע שופט, און אַזוי זענען פאַרהאַן פילע שופטים העכער אין ראַנג. אין פאַל ווען מ'טוט טרעפן אַ צד זכות פאר דעם בעל דין, וועלן די שופטים ארויסגעבן זייער אורטייל צו באַפרייען דעם מענטש.

אויב אבער, די משפט רעדט זיך וועגן איינער וואָס האָט פוגע כבוד געווען אין די כבוד פונעם קעניג, דאַן וועט קיין איין שופט אים נישט באַפרייען, אַפגעזען וואָס פאַראַ גרויסע שופט ער איז...

בשעת נעילה, ווען דער בוכ"ע פאַרזיגלט דעם גמר דין, דאַן טוט דער אויבערשטער אליין משפט'ן, און **דאמאלטס איז אַ שעת כושר און דער אויבערשטער טוט דאַן מוחל זיין לויט וויפיל געוויין און חרטה מ'האָט. און אַז דער אויבערשטער איז מוחל אויף זיין כבוד, נו, ווער קען דערין אריינרעדן...**

**נו.** הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע האָט זיך אַמאָל צעשריגן אין זיין דרשה ביי 'כל נדרי': אַלע טויערן זענען יעצט אָפען, אָבער דער ערשטער טויער וואָס פירט אַריין און אַרויס איז נאָך פאַרמאַכט, דאָס איז דער טויער פון הארץ...

מיט אַ גוטע קבלה, קען מען אָבער פאַרמיידן דאָס פאַרמאַכן די טויערן, על דרך משל, איינער איז געשטאַנען ביים טויער פון אַ הויז און די וועכטער האָבן געוואָלט פאַרמאַכן די טיר, אַז ער זאָל נישט קענען אַריינקומען. וואָס האָט ער געטוהן? ער האָט אַריינגעשטופּט זיין פוס אינווייניג אין הויז, און אַזוי האָט ער צוריקגעהאַלטן די וועכטער פון פאַרמאַכן די טיר פאַר אים, און אזוי ער האָט געקענט אַריינקומען אין הויז. דאָס זעלבע איז מיט אַ קבלה טובה, עס לאָזט איבער אַ רושם, און מ'קען שוין נישט פאַרמאַכן דעם טויער.

**א** גרויסע חידוש שרייבט דער 'תרומת הדשן', אַז מוצאי יום כיפור, ווערט דער דין נישט פארטיג ביז די אידן ענדיגן זייער תפילות פון יום כיפור, און אפילו אויב ס'איז שוין נאכט, און 'תוספות יום הכיפורים' איז נאָר אַ מצות עשה, אָבער אידישע קינדער זענען באַליבט ביי דעם אויבערשטען, אַז ער פירט דעם בית דין של מעלה לויט זייער סדר. דעריבער, אַזוי לאַנג ווי מ'דאַווענט נאָך תפילת נעילה, קען מען נאָך אויפרייסן די שערי רחמים, כאָטש ס'איז שוין געוואָרן נאַכט.

**מיר** זענען מתפלל צום באַשעפער, אבינו מלכנו, חוס ורחם עלינו, און העלף אונז מיר זאָלן קענען תשובה טוהן, און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה, און מיר זאָלן אַלע זוכה זיין צו אַ חתימה טובה לחיים טובים ולשלום.

# דרך תשובה הורית

אַ איד האָט געהאַט אַ געשעפט וואו ער האָט פאַרקויפט שטיינער, ליים, און אַנדערע בוי-מאַטעריאַלן. אין אַ טאָג, האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ סוחר פון מעדיצין. די ערשטע זאַך וואָס ער טוט, איז אַראָפּצונעמען דעם שילד פאָרנט פונעם געשעפט וואָס מעלדעט אַז מ'פאַרקויפט דאָ בוי-מאַטעריאַל, און ער הענגט אויף אַ גרויסע שילד וואָס מעלדעט אַז דא פאַרקויפט מען פון יעצט און ווייטער מעדיצינען, און יעדער איינער וואָס נויטיגט זיך אין אַ רפואה בגוף אָדער בנפש, קען דאָ אַריינקומען קויפן מעדיצינען.

דאָס זעלבע איז, ווען אַ איד וויל זיך טוישן און זיך דערנענטערן צום באַשעפער, דאַרף ער טוישן זיין 'מהות', און זיך 'אַ ריר געבן' פון אָרט, גיין פון יעצט און ווייטער אויף גלייכע וועגן.

הרה"ק רבי אהרן גאָרדאָ זי"ע, וועלכער איז פריער געווען אַ גרויסער פּראָפעסאָר און איז געוואָרן אַ בעל תשובה דורך דעם הייליגן און גרויסן מגיד פון מעזריטש זי"ע (ער פלעגט באַהאַנדלען די ווייטאָגדיגע פיס פון וועלכע דער מגיד זי"ע האָט געליטן גרויסע יסורים) האָט אין אַ טאָג זיך געוואָנדן צום מגיד, זיך אָפּרעדנדיג איבער די שלעכטע מחשבות וואָס פלאָגן אים פון זיינע פריערדיגע צייטן, און לאָזן אים נישט במנוחה.

האָט דער מגיד אים געענטפערט מיט אַ משל, אַ איד וואָס האָט געהאַט אַ קרעטשמע, וואו די גוים פלעגן קומען יעדע נאַכט טרינקען, און זענען דאָרט געוואָרן 'שיכור ווי לוט'. זייער גאַנצער טיש איז געווען פול מיט די משקאות וואָס זיי האָבן אויסגעבראָכן נאָכ'ן טרינקען, און נישט נאָר דאָס, נאָר זיי האָבן אויך צובראָכן זיינע כלים און אַנדערע ווערדפולע זאַכן אין די קרעטשמע, ביז אַ געוויסן טאָג האָט דער קרעטשמער באַשלאָסן, גענוג מיט די צרה, און ער האָט פאַרמאַכט די אַרענדע, עפענענדיג אין זעלבן אָרט אַ געשעפט צו פאַרקויפן סחורה.

אינמיטן נאַכט, זענען אָנגעקומען עטליכע שיכור'ע גויים, און אָנגעקלאַפּט אויפ'ן טיר, שרייענדיג, ער זאָל זיי עפענען די טיר, ווייל זיי זענען דורשטיג נאָך אַביסל בראָנפען... ווען דער געוועזענער קרעטשמער האָט געהערט זייערע געשרייען אינמיטן נאַכט, האָט ער זיך נישט וויסנדיג געמאַכט. זיי האָבן זיך אָבער געהאַלטן ביי זייערס, און האָבן ווייטער געקלאַפּט אויפ'ן טיר, ביז דער איד האָט מורא געהאַט אַז אין אַ מינוט וועלן זיי אויפברעכן די טיר... און די שיכור'ע גוים וועלן אַריינמאַרשירן אין הויז, וואָס דאַן וועט זיין פיל שווערער פטור צו ווערן פון זיי און זיי פאַרשיקן פון הויז. האָט ער זיי געענטפערט פון אינווייניג, דורך דער

פאַרמאַכטער טיר: איך בין שוין מער נישט דער זעלבער קרעטשמער וואָס כ'בין געווען, און דאָ טוט מען מער נישט שיכור'ן... איר האָט נישט מער וואָס צו זוכן ביי מיר אינדערהיים... פון יעצט און ווייטער, וועט איר געפינען דאָ נאָר 'לייוועגד'.

און דער מעזריטשער מגיד זי"ע האָט אויסגעפירט דעם משל פון רבי אהרן גאָרדא:

- ווען דער יצר הרע וועט קומען צו דיר מיט שלעכטע געדאַנקען, זאָלסטו אים נישט עפענען אַפילו אַ קליין טירל, ווייל דעמאָלס וועט דיר זיין אַסאַך שווערער אים צו פאַריאָגן. זאָג אים נאָר פון דער 'אַנדערער זייט טיר', אַז ער האָט אַ גרויסן טעות, דו ביזט שוין נישט דער זעלבער דאָקטאָר וואָס דו ביזט געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר דו האָסט דאָ געעפענט 'נייע געשעפטן', און פון יעצט און ווייטער ביזטו אַן עבוד ה'. ס'איז נישטאָ מער ביי דיר אַ 'דריסת הרגל' פאַר שלעכטע מחשבות.

על דרך משל, אַ איד איז געפאָרן קיין וואַרשע, און ער איז שוין אַרויף אויפ'ן באַן... אָבער דאַן שטעלט זיך אַרויס, אַז ער איז בטעות אַרויפגעשטיגן אויף דער באַן וואָס פאָרט אין דער פאַרקערטער ריכטונג - צוריק פון וואַרשע... אינמיטן וועג האָט זיינער אַ באַקאַנטער אים געפרעגט וואו ער פאָרט, און ווען ער האָט אים געענטפערט אַז ער פאָרט קיין וואַרשע, האָט זיין ידיד אים געזאָגט, דו פאָרסט דאָך אין דער פאַרקערטער ריכטונג. וואָס האָט דער 'חכם' געטוהן? אנשטאט אַראָפּשטייגן פונעם באַן ביי דער קומענדיגער סטאַנציע און נעמען אַ באַן וואָס פאָרט קיין וואַרשע, האָט ער נאָר אויסגעדרייט זיין פנים אין דער ריכטונג פון וואַרשע... איז דאָך נישט פאַרהאַן אַ גרעסערער שוטה פון אים, ווייל מיט דעם וועט ער קיינמאָל נישט אָנקומען אין וואַרשע...

דער נמשל איז, דער וואָס וויל תשובה טוהן צום באַשעפער, וועט קיינמאָל נישט דערגרייכן זיין ציל אויב ער וועט ווייטער בלייבן שטיין אויף זיין אָרט, אין דער 'בלאָטע', און אין אַרעסט אונטער זיינע נאַרישע תאוות - יעדער איינער אויף זיין אופן, נאָר 'יעזוב ... דרכו', און ער זאָל אָנהייבן גיין אויפ'ן גוטן וועג.

מ'דערציילט, אַ איד וואָס פלעגט אומלעגאַל אַריבערשמוגלען סחורות איבער די גרעניצן, איז אַמאָל געכאַפּט געוואָרן ביי דער גרעניץ, און ער איז געשטאַנען פאַר אַ שווערן משפט. איז ער אַריבערגעפאָרן צום צאַנזער רב, דער הייליגער בעל 'דברי חיים' זי"ע, און זיך מזכיר געווען פאַר אַ ישועה, און אויך געפרעגט אַן עצה, צי ער זאָל פּרובירן אַנטלויפן אין אַן אַנדער לאַנד, ווייל אַפילו זיין אַדוואָקאַט זאָגט אים אַז דאָ איז נישטאָ קיין שום וועג פאַר אַ ישועה. האָט

דער צאַנזער רב אים באַפוילן נישט צו אַנטלויפן, נאָר ער זאָל גיין אָן מורא אין געריכט.

ביים משפט, האָט דער ריכטער געפרעגט דעם איד, אויב ער הייסט משה 'קאָהן'. האָט דער איד געענטפערט: מיין נאָמען איז נישט 'קאָהן', נאָר 'כהן'. האָט דער שופט אים נאָך אַמאָל געפרעגט, אויב ער הייסט אפשר 'קאָהן'. האָט דער איד ווידער געענטפערט אַז ניין. האָט דער ריכטער געזאָגט: אויב אַזוי, איז דאָך דער איד נישט דער שולדיגער, נאָר מ'האָט אים דאָ אַהער געברענגט בטעות, און איך קען אים נישט פאַראורטיילן, ווייל דער גאַנצער קלאגע איז דאָך אַריינגעגעבן געוואָרן קעגן 'קאָהן', און דער מענטש הייסט 'כהן', און דער איד איז טאַקע אַרויס פריי פון זיין משפט.

ווען ער איז דערנאָך צוריקגעקומען צום צאַנזער רב זי"ע כדי אים צו דאַנקען פאַר דעם גרויסן מופת וואָס ער האָט אים דאָ געפראַוועט, האָט דער צאַנזער רב אים געזאָגט: **אָט שטייען מיר יעצט פאַר דעם גרויסן משפט אין דעם יום הדין, ווען 'בריות בו יפקדו', מ'טוט משפט'ן אַלע באַשעפענישן אויף דער וועלט. אויב מיר ווילן זיך ראַטעווען, דאַרפן מיר טוישן אונזערע מעשים מיט אַן ענדערונג וואָס דערקענט זיך, ביז מיר וועלן ווערן ווי אַ נייע באַשעפעניש, און ממילא, וועט שוין נישט זיין אויף אונז קיין קיטרוג, ווייל מיר זענען דאָך געוואָרן אַ נייער מענטש. מ'איז נישט דער זעלבער מענטש ווי פריער.**